UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 129- Spring 1997 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7qs3f3w4

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 129(1)

**Publication Date**
1997

**Copyright Information**
Copyright 1997 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פעריאָדשע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 129

SPRING
1997

פרילינג
תשנ"ז

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

# אינהאַלט


י.ל. פּרץ: מענדעלע - צו דער 80־טער יאָרצייט פון זיידן ....... 3

שרה טרייסטער מאָסקאָוויטשש: לידער........ 4

משה שקליאַר: צו דער צענטער יאָרצייט פון מלכה טוזמאַן ........ 5

חנן קיעל: לידער ........ 14

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער ........ 16

שירה גאָרשמאַן: אַ זעלטענע נאַכט... ........ 17

משה וואָלף: דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף שראָגין ........ 20

אַרנאָלד איידזשעס: דעם פּאָעטס עלאָקווענץ שפּאַנט איבער שפּראַכן־באַריערעס .... 29

ש. סימכאָוויטש: לידער ........ 31

בנימין לובעלסקי: אויף אַ יידישן בית־עולם אין סאַהאַראַ........ 32

פּיניע פּלאָטקין: לידער ........ 38

מ. אייזענבוד: דאָס ליד פון דיכטער יוסף קערלער........ 39

משה שקליאַר: לידער........ 52

יעקב לעווין: דער דוד הערמאַן־טעאַטער אין מעלבורן ........ 43

עקיבא פישבין: אַ געסל אין ירושלים........ 46

גרוניאַ סלוצקי־קאהן: ליד ........ 52

לאה שלאָסמאַן: לידער ........ 53

חנן קיעל: איפּן ווינט פון זכרון - פון באַלטיקים ביז די זאַקאָפּאַנע בערג ........ 54

ישראל סטופניק: צוויי מאָל - הונדערט רובל........ 61

שמעון גערבער: לידער ........ 64

* בעלאַ פּאָזי ע"ה ........ 65

אָנגעקומען אין רעדאַקציע........ 67

נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 69

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל - די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פון
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
לואי סענענסיב, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

Los Angeles, Calif. 90048 • 8339 West Third Street

Telephone: (213) 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7
L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 129

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

51־ער יאָרגאַנג, נומער 129 • פרילינג 1997 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

י.ל. פרץ

## מענדעלע *)

### צו דער 80־טער יאָרצייט פון זיידן



די צייטן פון „איינציקן אין ווערקשטעל" זענען פאַרביי. די ליטעראַטור האָט זיך דיפערענצירט. אַרטיקלען, קריטיק, דערינערונגען אר"גל וועלן שרייבן אַנדערע; איך וויל מענדעלען ערן. און דאָס טוען אַלע, דאָס האָט שוין דאָס פאָלק אין דער גרויסער מאָסע לאַנג געטאָן. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין אַרבעט, און רופט אים נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דאָס איז אַ פּריוואַט־נאָמען, אַ נאָמען פאַר ווייב און קינד און פאַרן מעטריקל־שרייבער און פּאַספּאָרטן־געבער; דאָס פאָלק רופט אים „מענדעלע מוכר ספרים", מהבת הקיצור „מענדעלע" אויפן נאָמען פון זיין בעסטער קרעאַציע.

און מענדעלע איז ווערט דעם כבוד.

ער איז נישט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע שרייבערס, ער איז אויך, און דער עיקר – דער ערשטער. בויט זיך אַ ליטעראַטור, האָט ער עס דעם עקשטיין געלייגט: ער איז דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך אַ קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן, אָנגעהויבן שרייבן לשמה, ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן...

און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט נישט באַטראַכט זיין אַרבעט אַלס אַ בריק (ווי מעגלעך מיט זיין לשון צו רעדן) "אַרביער -צופירן די קליאַטשע זי זאָל זיך פּאַשען אין אַן אַנדער פעלד".

ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אַכטונג צו זיין קינסטלערישן אינסטרומענט – צום יידישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין; נישט גערמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אַפילו אייראָפּעיזירט, און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס האָט אַ יידישן סטיל באַשאַפן, זיין אינדיווידועל יידישן סטיל. אַזוי רעדט מענדעלע אויפן לשון פון זיין פאָלק... און רעדט ער העברעיש, ווי ער מיינט – צוליב דער אייביקייט, אָן וועלכער ער וויל און האָט דאָס רעכט זיך צו קלאַמערן, שרייבט ער יידיש־העברעיש. אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס וואָלט גערעדט העברעיש...

* געשריבן אין 1910 צו מענדעלעס 57־יאָריקן יובליי.

סוף אויף ז' 5

משה שקליאַר

# שטיל מאָל שטיל...

## צו דער צענטער יאָרצייט פון מלכה טוזמאַן

ווען מלכה טוזמאַן האָט זיך אָפּגעשיידט פון אונדז מיט צען יאָר צוריק (דעם 30־טן מערץ 1987), האָט אברהם סוצקעווער אין קורצע געזעגענונג־ווערטער אין "די גאָלדענע קייט" כאַראַקטעריזירט די פּאָעטעסע אויף אַן אופן וואָס איז אפשר מער אַרומנעמיק ווי לאַנגע, טיפזיניקע אָפּהאַנדלונגען. וויל איך טאַקע ביים סאַמע אָנהייב ציטירן פון סוצקעווערס ווערטער צו וועלכע איך וועל פון רעסטוועגן האָבן עפּעס וואָס צוצוגעבן פון מיינע פּערזענלעכע אָפּפּילונגען און באַגעגענישן מיט דער דיכטערן און מיט איר ליד.

סוצקעווער שרייבט: "זי איז געווען און וועט בלייבן פון די אָריגינעלסטע מאָדערנע יידיש־פּאָעטן... וואָס מער זי האָט זיך איינגעעלטערט, אַלץ יינגער איז איר ליד געוואָרן. נישטאָ קיין סימן פון זיקנה אין אירע שורות געשריבענע מיט אויסגעקרימטע פינגער און פאַרטונקלטע אויגן צו ניינציק יאָר... זיי זענען פּסוקים פון אַ ווונדער־קינד וואָס ווערן פּאָעזיע פון אַ פּערזענלעכקייט ווי נאָר זיי קומען אויף דער וועלט. זיי דערהייבן מיט זייער שפּילעוודיקער טראַגיק און זענען באַגלייביק ווי אַלע אירע ווערטער - געשריבענע און גערעדטע. צו וואָס מלכה האָט זיך צוגערירט איז געוואָרן ליד... צו אירע קלוגע, זאָגערישע פערזן האָט זי נישט באַדאַרפט קיין גראַמען. זיי גראַמען זיך מוזיקאַליש אינעווייניק אָן גראַמען אויך. מלכה איז תמיד פאַרליבט געווען, אויך צו ניינציק. איר ליבשאַפט איז אַריין אין אירע לידער. און יעדער ליד שמייכלט יונג און האַרצקלאַפּיק: האָב מיך ליב!"

און מען האָט זי טאַקע ליב געהאַט, מלכהן. און מען האָט ליב געהאַט אירע לידער, הגם זיי זענען אָפט מאָל, ביים ערשטן לייענען, געווען שווער צום "פאַרדייען". אַנטפּלעקט האָבן זיי זיך ערשט אין זייער גאַנצער שיינקייט און גוטסקייט, ווי רייפע גאָלדענע עפּל, ביים פאַרטיפן זיך אין די שורות און צווישנשורות נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אָדער, האַלטנדיק זיך ביים עפּל־פאַרגלייך - ווען מען האָט זיך גוט אין זיי "איינגעביסן".

המשך פון ז' 3

און ער איז דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט מיט אָפענע, יידישע און מיט פרעמדע ברילן נישט פאַרשטעלטע אויגן אויפן יידישן לעבן געקוקט; יידיש אייגנאַרטיק עס געצייכנט, די פאַרביקע שטעלן געמאָלט, אָן פרינציפּן און וואָלקן - און נעפּל־רייטעריי, דאָס אָרימע יידישע לעבן - די ווירקלעכקייט...

און ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משכלים און קולטור־טרעגער געזאָגט: "פון רעפאָרמען רעדט איר, פון השכלה - דאָס פאָלק דאַרף ברויט", און דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזען דעם קהלישן בעל־טובה אין זיין ווירקלעכער געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דור, בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע...

און נאָך אין פיל, פיל זאַכן איז "מענדעלע" נישט נאָר דער ע ל ט ס ט ע ר צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויך, און דער עיקר - דער ע ר ש ט ע ר, דער ד ע ר פ י נ ד ע ר, דער ב אַ ש ע פ ע ר.

שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש

# אויף קבר אבות

## פּוילישע נעכט

איך שלאָף נישט גוט אין פּוילן
די שטראַלן ליכט דורך וואַלד בלעטער
שפּאַצירער ביי דער ווייסל
די ריזיקע קרויטן וואַקסנדיק
אין סדרדיקע פעלדער
די שמייכלען פון מאַריאַ און טאַמאַס
און וולאַדושו מיטן גרויען קאָפּ וואָס
בייגט זיך איין
און קושט מיין האַנט,
זיי מעקן ניט אויס
דעם טיף אַריינגעקריצטן אמת
וואָס לאָזט מיך ניט גוט שלאָפן
וואָס גיט מיר לויפעניש
און יאָגט מיך נאָך אויף באַן־רעלסן אין
קאָפּ
אויף רעלסן אין מיין רוקן־ביין.

## באַנען אויף רעלסן

מיר פאָרן קיין ביאַלע פּאָדלאַסקאַ
דורך שטילע ווייסע וועלדער
און גרינע לאָנקעס ווו בהימות עסן גראָז

און איך זע ווי גרינע לאָנקעס דעקן בלוט
און ווייסע בעריאָזקעס באַרינגלען חושך,
מערדעריי.

מער ניטאָ קיין פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער
מער ניטאָ אַנטלאָפענע פון לאַגערן און געטאָס

איצט קומען רוסן, די אַמאָליקע זיגער
צו וואַרטן ביי דער גרענעץ אין לאַנגע רייען
קויפן עסן, קויפן מיאוסע טונקל ברוינע מעבל
וואָס ווערט געמאַכט אין אַ פאַבריק וואָס איז
אַ מאָל געווען די זעג־מיל ווו
מיין זיידע האָט מיט האָלץ געהאַנדלט
איידער מען האָט אים דערהרגעט.

מיר קומען נאָענט צום שטעטל
ווו ס'האָבן ייִדן געלעבט זינט 1620
און צווישן זיי די רובינשטיינס און גליקסבערגס
משפחות פון מיין מאַמען

מען זאָגט אַז ס'איז נאָך דאָ אַ ייִד, איין ייִד
וואָס לעבט נאָך היינט צו טאָג אין ביאַלע פּאָדלאַסקאַ
נאָר איין ייִד
און קיינער ווייס ניט ווער ער איז

משה שקליאַר

# שטיל מאָל שטיל...

## צו דער צענטער יאָרצייט פון מלכה טוזמאַן

ווען מלכה טוזמאַן האָט זיך אָפּגעשיידט פון אונדז מיט צען יאָר צוריק (דעם 30־טן מערץ 1987), האָט אברהם סוצקעווער אין קורצע געזעגענונג־ווערטער אין "די גאָלדענע קייט" כאַראַקטעריזירט די פּאָעטעסע אויף אַן אופן וואָס איז אפשר מער אַרומנעמיק ווי לאַנגע, טיפזיניקע אָפּהאַנדלונגען. ווײַל איך טאַקע ביים סאַמע אָנהייב ציטירן פון סוצקעווערס ווערטער צו וועלכע איך וועל פון דעסטוועגן האָבן עפּעס וואָס צוצוגעבן פון מיינע פּערזענלעכע אָפּפילונגען און באַגעגענישן מיט דער דיכטערן און מיט איר ליד.

סוצקעווער שרייבט: "זי איז געווען און וועט בלייבן פון די אָריגינעלסטע מאָדערנע יידיש־פּאָעטן... וואָס מער זי האָט זיך איינגעעלטערט, אַלץ יינגער איז איר ליד געוואָרן. נישטאָ קיין סימן פון זיקנה אין אירע שורות געשריבענע מיט אויסגעקרימטע פינגער און פאַרטונקלטע אויגן צו נײַנציק יאָר... זיי זענען פּסוקים פון אַ ווונדער־קינד וואָס ווערן פּאָעזיע פון אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט ווי נאָר זיי קומען אויף דער וועלט. זיי דערהייבן מיט זייער ש פּ י ל ע ו ו ד י ק ע ר טראַגיק און זענען באַגלייביק ווי אַלע אירע ווערטער - געשריבענע און גערעדטע. צו וואָס מלכה האָט זיך צוגערירט איז געוואָרן ליד... צו אירע קלוגע, זאָגערישע פּערזון האָט זי נישט באַראַרפט קיין גראַמען. זיי גראַמען זיך מוזיקאַליש אינעווייניק אָן גראַמען אויך. מלכה איז תמיד פאַרליבט געווען, אויך צו נײַנציק. איר ליבשאַפט איז אַריין אין אירע לידער. און יעדער ליד שמייכלט יונג און האַרצקלאַפּיק: האָב מיך ליב!"

און מען האָט זי טאַקע ליב געהאַט, מלכהן. און מען האָט ליב געהאַט אירע לידער, הגם זיי זענען אָפט מאָל, ביים ערשטן לייענען, געווען שווער צום "פאַרדייען". אַנטפּלעקט האָבן זיי זיך ערשט אין זייער גאַנצער שיינקייט און גוטסקייט, ווי רייפע גאָלדענע עפּל, ביים פּאַרטיפן זיך אין די שורות און צווישנשורות נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אָדער, האַלטנדיק זיך ביים עפּל־פאַרגלייך - ווען מען האָט זיך גוט אין זיי "איינגעביסן".

המשך פון ז' 3

און ער איז דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט מיט אָפּענע, יידישע און מיט פרעמדע ברילן נישט פאַרשטעלטע אויגן אויפן יידישן לעבן געקוקט; יידיש אייגנאַרטיק עס געצייכנט, די פאַרביקע שטעלן געמאָלט, אָן פּרינציפּן און וואָלקן - און נעפּל־רייטעריי, דאָס אָרימע יידישע לעבן - די ווירקלעכקייט...

און ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משכלים און קולטור־טרעגער געזאָגט: "פון רעפאָרמען רעדט איר, פון השכלה - דאָס פאָלק דאַרף ברויט". און דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזען דעם קהלישן בעל־טובה אין זיין ווירקלעכער געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דור, בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע...

און נאָך אין פיל, פיל זאַכן איז "מענדעלע" נישט נאָר דער ע ל ט ס ט ע ר צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויך, און דער עיקר - דער ע ר ש ט ע ר, דער ד ע ר פ י נ ד ע ר, דער ב אַ ש ע פ ע ר.

...שוער צו פֿאַרגעסן די לעצטע טרעפֿונג מיט מלכה טוזמאַן. אָט איז זי געזעסן ביים טיש, אַ ביסל עקסטראַוואַגאַנט געקליידט, מאָדערן, ווי אירע לידער, און אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט גוטסקייט, מיט פֿרייד און טרויער - אויך ווי אירע לידער, וועלכע סוצקעווער כאַראַקטעריזירט אַזוי טרעפֿלעך. איך האָב דעמאָלט גערעדט וועגן מלכה טוזמאַנס לעצטן בוך א.נ. "היינט איז אייביק" וואָס איז געהאַט דערשינען מיט אַ קורצער צייט פֿריער, און צווישן אַנדערן האָב איך געזאָגט, אַז מען קאָן זי אָנרופֿן די "מלכה פֿון דער היינטצייטיקער יידישער דיכטונג", און דערביי האָב איך פּאַראַפֿראַזירט אירס אַ ליד צו דער דיכטערן רחל קאָרן, אין וועלכען מלכה טוזמאַן האָט געשריבן: "דו ווייסט דאָך שוין פֿון פֿריער ווי מען טראָגט אַ קרוין / ס'פּאַסט דיר".

אויך איר האָט געפּאַסט די קרוין. זי האָט זי כשר געהאַט פֿאַרדינט מיט איר גאַנצער שאַפֿונג. אגב, נישט בלויז די אימאַגינירטע קרוין פֿאַרבינדט די דאָזיקע צוויי אומגעוויינלעכע דיכטערינס. עס פֿאַרבינדן זיי אויך ענלעכע ביאָגראַפֿישע שטריכן, הגם איינע, רחל קאָרן, האָט זיך דערצויגן אין אַ פּויליש-גאַליציאַנער דאָרף, און די צווייטע, מלכה טוזמאַן, איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ וואָלינער דאָרף, אָבער מיט אַן ענלעכן פּייזאַזש. אָט יענער דאָרפֿישער פּייזאַזש האָט געלאָזן אַ טיפֿן חותם אין די שאַפֿונגען פֿוןביידע דיכטערינס, ווען זיי וועגן אין וויטערדיקן לעבן זענען געווען ביז גאָר פֿאַרשיידן.

דער באַוווּסטער ליטעראַטור-קריטיקער שלמה ביקל, שרייבנדיק וועגן דער ווירקונג פֿונעם דאָרף אויף דער שאַפֿונג פֿון רחל קאָרן, זאָגט צווו. אנד.: "רחל קאָרנס ליריק איז דאָס געזאַנג פֿון אַ געזונט קול, וואָס איז פֿריש און לויטער ווי אַ דאָרפֿישער פֿרימאָרגן און פֿאַרמאָגט דערביי אַלע רינקייטן פֿון פֿאַרנאַכטיקן געמיט און אַלע קלוגע קנייטשן פֿון קוהלתדיקער האַרבסט-שטימונג. רחל קאָרנס פּאָעטיש קול איז אַלע מאָל וואַרעם, היימיש און קלאָר, אָבער עס וואָרגט זיך קיין מאָל נישט מיט טרערן, זיכער נישט אין דער עפּנטלעכקייט פֿון איר ליד. מען פֿילט נישט איין מאָל, אַז די דיכטערן האָט זיך אויסגעוויינט ביי דער שוועל פֿון ליד, אָבער אין ליד גופֿא האָט זי די טרערן נישט אַריינגעלאָזט". די דאָזיקע ווערטער זענען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר מלכה טוזמאַנס ליד, פֿאַר איר גאַנצן שאַפֿן אין וועלכן איר פֿילט בפֿירוש, ביי דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט פֿון איר פּערז, די "לויטערקייט פֿון דאָרפֿישן פֿרימאָרגן" און "די רינקייטן פֿון פֿאַרנאַכטיקן געמיט". און וואָס שייך "אויסוויינען זיך ביי דער שוועל פֿון ליד", מיט אַנדערע ווערטער, וויכן פֿון סענטימענטאַליזם, זאָגט מלכה טוזמאַן בפֿירוש אין איינעם פֿון אירע לידער: "אַ בושה אויפֿצושרייבן טרויער אויף פּאַפּיר". אָנשטאָט טרויער, עטעמט איר ליד מיט אַ "הייליקער שטילקייט", ווי זי האָט אָנגערופֿן איינס פֿון אירע לידער, וואָס איז אגב געווידמעט צו אברהם סוצקעווער. הערט אדרבא דעם שאַרף פֿון דער שטילקייט וואָס איז געמאָלן אין פּאַסטעלישע ווערטער פֿאַרבן ווי מיט דער האַנט פֿון אַ גרויסן אימפּרעסיאָניסט:

"זומער פֿאַרנאַכט. אַליין אין מיין סאָד,
אַ וויילינקע - אַן אייביקייט:
די סאָווע האָט איר פּוהו פֿאַרהאַלטן,
קוקאַווקע איר קוקו פֿאַרגעסן,
אַ פּאַזעמקע אין זייטיקן שטעגל ביים ווילדגראָז
פֿאַרשטאַרט אין איר בליקל געבליבן;
און איך שטיל מאָל שטיל

אַ תפילה אַ שטילע
נישט מפסיק געווען מיט אַ ציטער אַפילו
ווען שכינה
האָט אַראָפּגעקושט אַ בלעטל פון אַ באַרנבוים"...

שטיל מאָל שטיל – אַזאַ איז מלכה טוזמאַנס ליד. עס איז נישט יענע שטילקייט וואָס רייסט אויף דאָס פּאָעטישע וואָרט פון אינעווייניק, נייערט אַ שטילקייט וואָס צוימט איין דאָס פּאָעטישע וואָרט, רעדוצירט עס צום ערשטיקן געפיל וואָס סטימולירט דעם געדאַנק.

...באַלד נאָך דער מלחמה, נאָכן דריטן חורבן פון אונדזער פאָלק וואָס ווערט היינט באַצייכנט ווי האָלאָקאָסט אָדער שואה, האָט דער דעמאָלט נאָך יונגער שרייבער מענדל מאַן פאַרעפנטלעכט אַ לידער־בוך אונטערן כאַראַקטעריסטישן נאָמען: "די שטילקייט מאָנט". איז עס אויך געווען אַ שטילקייט, אָבער פון גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. עס איז געווען יענע שטילקייט וועלכע דאָס פאָלק באַצייכנט ווי אַ "טויטע שטילקייט". און דער דיכטער האָט געפילט, אַז אָט די טויטע שטילקייט מאָנט און ער דאַרף איר געבן אַ תיקון אין זיין דיכטערישן וואָרט. מלכה טוזמאַן, ווי יעדער יידישער דיכטער און שרייבער נאָכן חורבן, איז אויך פאַרפאָלגט געוואָרן פון אָט דער טויטער שטילקייט, אָבער זי האָט זיך נישט געוואָלט צו איר אונטערגעבן. "ס'איז אַ בושה אָנצושרייבן טרויער אויף פּאַפּיר"... זי איז איבערפולט געווען מיט ליבשאַפט צו מענטש און נאַטור און געוואָלט די דאָזיקע געפילן איבערגעבן צו אירע לייענער־פריינד. און עס זעט אויס ווי זי וואָלט איר גאַנץ שעפעריש לעבן געזוכט די פּאַסיקע ווערטער און פאָרמען צו טראַנספאָרמירן די דאָזיקע געפילן אין פּאָעזיע. אוודאי פילט נישט דער לייענער אָט דעם געראַנגל פון דער דיכטערן, ער פילט אָבער, אַז אירע לידער זענען אַנדערש, און שטאָט דער פרישקייט פון איר בילדלעכקייט און דיכטערישער וויזיע געפינט ער טייל מאָל אויס, אַז איר ליד איז בכלל שווער צום באַנעמען, ווייל עס איז מיילן ווייט פון דער סטאַנדאַרטער דיכטונג צו וועלכער ער איז געוווינט. אָדער עס זעט אים אויס צו פיל פּראָזאַיש, אָדער צו קאָמפּליצירט, אָדער צו פיל שפּילעוודיק, אָדער צו פיל באַלאָדן מיט ווייטע אַסאָציאַציעס און מעטאַפאָרן.

ווען מלכה טוזמאַן איז געקומען פון איר דאָרף קיין אַמעריקע אין יאָר 1910, אָדער 1912 (ביי יידן איז מען קיין מאָל נישט זיכער מיט די דאַטעס, פּונקט ווי טייל מקורים גיבן אָן, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין 1895 און אַנדערע אין 1896. (כ'האָב אַפילו געלייענט אין אַן ענגלישער אָפּהאַנדלונג, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אינעם דאָרף וואָלין אין רוסלאַנד). הכלל ווען מלכה טוזמאַן איז געקומען קיין אַמעריקע האָט דאָ די יידישע פּאָעזיע דורכגעמאַכט איר שטורעם און דראַנג פּעריאָד און די גרופּע "יונגע" בראש מיט זישע לינדוי, ראובן אייזלאַנד און מאַני לייב האָבן געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די עלטערע יידישע פּאָעטן וועמענס דיכטונג איז, לויט ראובן אייזלאַנדן, "געווען גרילצנדיק – שרייעריש־באָמבאַסטיש און מעלאָדראַמאַטיש ווען זי האָט זיך צוגערירט צו סאָציאַלע טעמעס; אויסגעווייקט יידישלעך, מיט אַ ריח פון טשאָלנט און מקווה, ווען זי האָט זיך פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און אויסגעסטראָיעט מיט דייטשמעריש־פּאָעטישע פליטערלעך, ווען זי האָט געוואָלט אויסדריקן יחידיש לירישע איבערלעבונגען".

אַוודאי איז אין אָט דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער עלטערער פּאָעטישער שאַפונג וואָס איז נוגע די רעוואָלוציאָנערע ליריקער ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדעלשטאַט און זייערע נאָכפאָלגער פאַראַן אַ סך איבערגעטריבנקייט וואָס עס טרעפט זיך שטענדיק אין פייער פון קאַמף, אָבער דאָך איז אין אָט דער איבערטרייבונג פאַראַן אויך אַ ניצוץ פון אמת.

די "יונגע" האָבן טאַקע אַריינגעבראַכט אַ סך נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער פּאָעזיע, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שטורמישע אַנטוויקלונג סיי אין געביט פון שפּראַך־באַניייונג, סיי אין סטיל און פאָרעם, אָבער אויך אין אינהאַלטלעכער פאַרטיפטקייט. דאָס אָרט פונעם שטרייט צווישן די "יונגע" און די עלטערע יידישע פּאָעטן האָט אין גיכן פאַרנומען דער שטרייט צווישן די "יונגע" און דער ניי־אויפגעקומענער גרופּע "אינזיכיסטן". פון די אַלע קאַמפן האָט בלויז געוווּנען די יידישע פּאָעזיע סיי אין אַמעריקע און סיי אין מזרח־אייראָפּע, וווּ עס זענען מער ווייניק אין דער זעלבער צייט אויך אויפגעקומען נייע גרופּן און שטרעמונגען וואָס האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אָנגעבונדן צום גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, י.ל. פּרץ אַפילו ווען זיי האָבן אים נעגירט.

צו דער יונגער מלכה, וואָס האָט זיך לכתחילה באַזעצט מיט איר משפחה אין שיקאַגאָ און פלייסיק אָנגעהויבן לערנען די נייע לאַנד־שפּראַך און וועלכע האָט שוין געהאַט הינטער זיך די ערשטע פּאָעטישע פּרוּוון נאָך אין דער קינדער־שול, זענען אַוודאי דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פון די דערמאָנטע פּאָעטישע ראַנגלענישן און מוסטערן פון די ניי־פּאָעטישע שאַפונגען און מאַניפעסטן. נאָר דאָס איז אַוודאי געוועזן שפּעטער. דערווייל האָט זי זיך פאַרכלינעט מיט דעם נייעם לאַנד און מיט די מעגלעכקייטן וואָס האָבן זיך דאָ פאַר איר געעפנט. אָט וואָס זי דערציילט צוו. אַנד. אין איר "ביאָגראַפישן בריוו", פאַרעפנטלעכט אין איר לעצטן לידער־בוך וואָס איז דערשינען אין 1977 יאָר:

"אַמעריקע. אַ ניי לאַנד. אַ נייע שפּראַך. איך וועל פּרובירן אויף אַ צייט פאַרגעסן וועגן זיך. איך מוז גיך זיך עפּעס דערוויסן וועגן אַמעריקע. איך מוז זיך אויסלערנען ענגליש... מיין גוטער לערער ק. מ. צו ווען איך קום אין אָוונט דריי מאָל אַ וואָך איז צופרידן פון מיר. ס'געפעלן אים מיינע קורצע פערזן וואָס איך ברענג אים. איך שרייב זיי טאַקע נאָר פאַר אים.

איין מאָל זאָגט מיר ק.מ.: מיין קינד, דו האָסט טאַלאַנט. דו וועסט שרייבן. אָבער פריער דראַפּסטו זיך באַקענען מיט אַלע פאָרמען פון ליד־שרייבערײַ. נישט אַז דו זאָלסט אויך אַזוי שרייבן. נאָר קענען אַלץ וועגן ליד דאַרפסטו. נאָך דעם וועסטו טאָן ווי דו וועסט וועלן". און ווייטער:

"...אין יענער צייט גייט אַרויס אין שיקאַגאָ אַ קליין זשורנאַלעכל "אַלאַרם". מיינע דריי קליינע זאַכעלעך ווערן דאָרט אָפּגעדרוקט. מיינע באַקאַנטע באַגריסן מיך צו מיין ווערן אַ שרייבער אין ענגליש. מיר איז עפּעס גוט און עפּעס אַ ביסל אומעטיק. עטלעכע וואָכן שפּעטער... ק.מ. נעמט מיך צו אַ קאָנצערט. נאָכן קאָנצערט אין אַ קאַפע. איך ווייז אים עטלעכע לידער. צוויי טריאָלעטן און דריי לידער אין פרייען פערז. ק.מ. לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיינער און זאָגט מיט באַהערצטקייט: אַזוי פיל ריכטער פאַראַן אין אַמעריקע! הונדערטער און הונדערטער שרייבן ענגליש. אייניקע גוט און אייניקע נישט אַזוי גוט. זיי האָבן אַ סך. מיר האָבן נישט קיין סך וואָס שרייבן יידיש. זיי מיט אונדז מלכהלע. שרייב יידיש אַפילו ווען ס'איז שווער עפּעס אָפּצודרוקן. אַפילו ווען

אָריגינאַליטעט איז נישט אָנגעלייגט".

צום גליק האָט זי אים געפּאָלגט, איר גוטן לערער ק. מ. וואָס דעשיפרירנדיק די ראשי תבות באַקומט זיך קלמן מאַרמאָר, דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער און שפּעטער פירנדיקער טוער אין די איקוף־קרייזן. דער ענגלישער ליטעראַטור איז אפשר אָפּגעקומען נאָך איין דיכטערן, אָבער אונדז, דער יידישער ליטעראַטור, איז צוגעקומען אַ באַטייטנדיקע מאָדערנע דיכטערן וואָס האָט היפּש באַרייכערט אונדזער גרויסן קולטור־אוצר.

כדי פאַרענדיקן מיט די ביאָגראַפישע שטריכן וויל איך ציטירן נאָך אייניקע קורצע שורות וואָס האָבן אַ וויכטיקן באַטייט פאַרן דערקענען דעם שאַפונג־וועג פון אונדזער דיכטערן.

"...איך שרייב לידער. איך שרייב קורצע פּראָזע־זאַכן אין יידיש. איך לייען אַ סך: נביאים, תהילים, שיר־השירים, איוב, קהלת - מיינע ליבשאַפטן. כ'לייען שעקספּיר געטע, בייראָן, בלייק, באָדלער, רעמבאָ און נאָך און נאָך. וויטמאַן און רעמבאָ האָבן מיך אויפגעעפנט צו זיך, צו מיין אייגענעם איך. זיי האָבן מיר געגעבן פרייע באַוועגונג אין ריטעם פון מיין אָטעם".

איז זי, הייסט עס, מלכה טוזמאַן, געקומען אין גאָרטן פון דער יידישער פּאָעזיע מיט אַ גרויסער אָנלאָדונג פון וויסן, אַלגעמיינעם און יידישן, און פון סאַמע אָנהייב האָט זי געפונען " די פרייע באַוועגונג אין ריטעם פון איר אָטעם" און עס געלאָזט פילן אינעם ריטעם פון איר ליד, וואָס איז אויבנאויפיק, דאַכט זיך, גאָרנישט ריטמיש, דערפאַר אָבער עטעמט עס אַלע מאָל מיט פרישקייט פון געקאָסעטן הײ, מיט יונגקייט און קלוגשאַפט וואָס אַנטפּלעקן פאַרן אויפמערקזאַמען לייענער נייע וועלטן - ביז גאָר אינטימע און ביז גאָר קאָסמישע, אוניווערסאַלע.

מלכה טוזמאַנס ליד, מעג עס זיין דאָס קלענסטע, לאָזט אונדז אַ סך נאָכטראַכטן, רופט אַרויס פאַרשיידענע געדאַנקען און רעפלעקסיעס. ווי זאָגט די דיכטערן: "מיינע קליינע לידער / האָבן גרויסע מיילער"... און הגם " אַ גרויס מויל" אַסאָציאירט זיך אין דער פאָלקס־שפּראַך מיט אַ מענטשן וואָס "לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע", מיינט דאָ דאָס גרויסע מויל פון איר ליד זיין פּיל־באַטייטעוודיקייט; יעדער קאָן עס אינטערפּרעטירן אויף זיין אייגענעם אופן, געפינען אין דעם עפּעס וואָס איז אייגנטימלעך בלויז אים אַליין. און דאָס איז דאָך דער קען־צייכן פון יעדער עכטער פּאָעזיע, ווי פון קונסט בכלל.

ווי זאָגט דער גרויסער פראַנצויזישער דיכטער פּאָל וואַלערי, איינער פון די פּאָרגייער פון דער מאָדערניסטישער דיכטונג: "מיינע פערזן האָבן דעם באַשייד וואָס מען גיט זיי. דער באַשייד וואָס איך גיב אין זיי אַריין, פּאַסט בלויז פאַר מיר און איז נישט אין סתירה צו קיינעם אַנדערן. ס'איז אַ טעות, אין קעגנזאַץ צו דער נאַטור פון פּאָעזיע צו באַהויפּטן, אַז מיט יעדער פּאָעמע שטימט אַן איין און איינציקער ריכטיקער זין, אידענטיש מיט אַ וועלכן נישט איז געדאַנק פונעם מחבר".

אַזוי איז עס מיט דער פּאָעזיע פון מלכה טוזמאַן. מען דאַרף זיך גוט אַריינלייענען אין אירע לידער און עס אַנטפּלעקט זיך דעמאָלט אַ נייע וועלט, ניין, נישט קיין וועלט, אַ סך וועלטן אַנטפּלעקן זיך. און איר פילט זיך באַרייכערט מיט נייע שפּירונגען און איבערלעבונגען פאַר וועלכע עס ווילט זיך דאַנקען דער קינסטלערין.

איר מייסטערשאַפט דערקענט מען אין יעדן ליד, סיי אין פאָרעם סיי אין אינהאַלט.

וואָס שייך דעם אינהאַלט, איר וועלט־באַנעם, איר וויזיע, קאָן מען עס דאַכט זיך אויסדריקן אין איין זאַץ וועלכן מיר וועלן דאָ איבערחזרן: גרויסע ליבשאַפֿט צו מענטש און נאַטור, צום באַשאַף פֿון וועלכן מיר אַלע זענען אַ באַשטאַנד־טייל. אינעם שוין דערמאָנטן "ביאָגראַפֿישן בריוו" דערציילט אונדז מלכה טוזמאַן וועגן אַ ליד וואָס זי האָט געשריבן נאָך אַלס קינד אין קלאַס אויף רוסיש מיט יידישע אותיות, פֿאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט דעם העפֿט אַזוי אַז דער לערער זאָל נישט זען:

"איך בין דו / ביסטו איך? / אויב איך בין איך / בין איך אויך דו? / דו, דו, / זאָג ווער בין איך?" /

און אין יאָרן אַרום, ווי מען זאָגט עס, ווי איינער איז צו זיבן אַזוי איז ער צו זיבעציק, חזרט זיך איבער ביי איר דער זעלבער מאָטיוו, פֿאַרשטייט זיך אין אַ פֿיל רייפֿערער פֿאָרעם, אין איר בוך " היינט איז אייביק":

"איך האָב זיך פֿאַרשעמט / אַזוי זיך פֿאַרשעמט: /
איך און מיך און מיין. / אַז נאָר איך פֿאַרנעם זיך מיט "איך" /
פֿאַראַן דאָך אַ דו, / אָן ער און אַ זי און אַ זיי /
די זיי פֿון דער וועלט - / פֿון דער גרויסענער וועלט".

מיך האָבן אָט די שורות דערמאָנט אין דער טעזע פֿונעם דייטשישן קלאַסישן פֿילאָסאָף לודוויג פֿויערבאַך, וועלכער האָט געשריבן: איך בין אויף אַזוי פֿיל איך, אויף וויפֿל איך בין אַ דו פֿאַר אַ צווייטן איך". מיט אַנדערע ווערטער: איך, דער אָביעקט, עקזיסטיר אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל איך בין אַ סוביעקט פֿאַר אַ צווייטן אָביעקט, און נישט קיין באַשאַפֿונג פֿונעם אַבסאָלוטן גייסט. אָדער, אויסדריקנדיק זיך פּשוטער, קאָן מען עס פֿאַראַפֿראַזירן מיט דעם יידישן פֿאָלקס־ווערטל: א י י נ ע ר א י ז ק י י נ ע ר. ווייס איך נישט צי דער אַלטער דייטש האָט געקענט דאָס יידישע פֿאָלקס־ווערטל, אָבער אונדזער דיכטערין האָט עס זיכער געקענט. זי האָט געלעבט דערמיט. פֿאַר איר איז דער מענטש געווען הייליק. דער מענטש איז פֿאַר איר געווען די וועלט און די אַלוועלט, דער איך און דער דו. ווי זאָגט זי ביים סוף פֿונעם דערמאָנטן ליד: "סיי ווי / איך בין אַלע / און אַלע / סיי ווי זענען איך, זענען מיך, / זענען מיין." גלייך זי וואָלט אויסגעשטרעקט די הענט, אונדזער דיכטערין, און אַרומגענומען די גאַנצע וועלט און געטוליעט זי צו זיך, ווי אַ מאַמע.

* * *

אין איר ליד "וואָס פֿאַרשרייבן" לאָזט אונדז מלכה טוזמאַן וויסן:

"וואָס צו פֿאַרשרייבן? / צי דאַרף מען דען זוכן? /
כאַפּ און פֿאַרשרייב: / דעם פֿלאַטער פֿון אָטעם, /
דעם ווונק פֿונעם אויג, / אַ זיפֿץ פֿונעם האַרץ, /
אַ שאָקל פֿון קאָפּ, / אַ מאַך מיט דער האַנט, /
אַ לאַך פֿונעם האַלדז / אין אַ ליידיקן הויז" ...

מיט איין וואָרט, אונדזער דיכטערין דאַרף נישט זוכן וואָס צו פֿאַרשרייבן. די סאַמע פּשוטסטע זאַכן ווערן ביי איר פֿאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע, אין געזאַנג, ווי אונטערן באַריר פֿון אַ כישוף־שטעקעלע, ווי ס'האָט עס אַזוי טרעפֿלעך באַמערקט דער דיכטער־ווירטואָז אברהם סוצקעווער. און הגם זי איז מאָדערן אין דער פֿאָרעם און ווייסט ווי צו שאַפֿן נייע וואָרט־פֿאַרבינדונגען, וואָס רופֿן אַרויס ווייטע אַסאָציאַציעס און בילדער, איז איר

שפּראַך אין גרונט געטומען אַ פּשוטע און שטילע, ווי פּשוט און שטיל עס איז איר ליד. דערמאָנט זיך: שטיל מאָל שטיל... אָט שרייבט זי:

אַ שפּראַך האָב איך / אַן אָפּגעציטערטע, / מיין שפּראַך האָט שטילע אויגן / און אַן אייגן קול. / זי קען נישט ריידן הויך."

און אויף אַן אַנדער אָרט אין זעלבן ליד:

שיר־השירמדיק זאָל זיין מיין געזאַנג... / באַזינגען זאָל מיין ליד / די מיט פון אונדזער וואָך / מיין זיידנס און מיין טאַטנס שבת־טיש / און מלווה־מלכה / און בענטשן זינגענדיק איך וועל / דאָס ברויטל אויף מיין טיש".

פון אָט דער גאַנצער ייִדיש־אידילישער אַטמאָספער, וואָס ווערט באַשאַפן אינעם ציטירטן ליד, קוקט אַרויס ווי אַ פּערל, ווי דער שענצטער איידלשטיין וועלכן די דיכטערן איז גרייט אונגרז אַוועקצושענקען, איר "שפּראַך מיט די שטילע אויגן". אַזאַ בילד וואָס מען קאָן זיך בלויז פאָרשטעלן אין דמיון, איז כדאי צו פאַרגערענקען...

אַזאַ איז איר ליד, מלכה טוזמאַנס. שטיל און שיר־השירימדיק. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס זי פאַרטראָגט נישט קיין הויכע פראַזן און ברוטאַליטעטן מיט וועלכע עס איז אַזוי פיל אונדזער צייט. אַפילו טרויער איז איר, ווי שוין דערמאָנט, פרעמד, הגם איר ליד איז סיי ווי באַהויכט מיט אַ קוים זעבאַרן אומעט וואָס איז טיילווייז אין ווידערשפּרוך מיט איר אָפּטימיסטישן וועלט־באַנעם. אינעם ליד "צולהכעיס", ווו זי פּרוווט עטפערן פאַרוואָס זי מיידט אויס די חורבן־טעמאַטיק, שרייבט די דיכטערן:

"אויף צולהכעיס וועל איך נישט יאָמערן / ווען אַפילו / די ערד פון מיין וועלט זאָל חלילה / מיר ווערן די גרייס / ווי מיין זויל, וואָס שטייט אויף איר / ווערט זי נאָך אַלץ זיין / מיינע! / אוי, נאָך ווי מיינע".

און ווייטער:

פיינט האָבן וועל איך מיין ליד נישט לערנען, / נישט אומריין מאַכן זי / מיט דער מיאוסקייט פון שינאה".

ס'איז קענטיק, אַז אָט דעם ווידערווילן צו שינאה טראָגט זי נאָך מיט זיך פון איר קינדהייט, וואָס זי באַשרייבט אַזוי שיין אינעם ליד "די באָבע האָט געשאָלטן". עס איז אַן אידיליש ליד וועגן די צוגרייטונגען אין דער דאָרפישער היים אויפצונעמען דעם רבין פון טשערנאָביל. וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין דער היים! -

"אַריין אין קיך אַ פאָרעניש, / פון עמער זינגט אַ פּליושקעניש / און אַ גערייך אַ שושקעניש".

און צווישן דער פאָרעניש, פּליושקעניש און שושקעניש פּלאָנטערט זיך אַרום דאָס קליינוואַרג, און די באָבע ווערט אויפגערעגט און זאָגט עפּעס צו די קינדער, און די קינדער לויפן צו דער מאַמען מיט אַ גרויס געוויין. פרעגט די מאַמע:

"וואָס איז? / - די באָבע - שטאַמלען זיי אַרויס - / איז בייז, / אין כעס. / זי האָט געשאָלטן. / מאַמע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: / "אוי וויי, געשאָלטן? / וואָס האָט זי געזאָגט?"

די קינדער צענעמען די הענטלעך פונקט ווי די באָבע האָט געטאָן און כליפּען אַרויס: "געזונט זאָלט איר זיין, קינדערלעך!"

אָט אַזוי האָט אַ יידישע באָבע געשאָלטן... איז דען אַ ווונדער וואָס אונדזער דיכטערן קאָן נישט פאַרטראָגן קיין שינאהז... אויף אַן אַנדער אָרט לאָזט זי אונדז וויסן וועגן דעם אין אַ ביז גאָר פּראַזאַיש ליד א.נ. "ראַדיאָ־נייעס" וואָס איך וויל דאָ ציטירן אין גאַנצן:

"ווען ראַדיאָ־נייעס / מיט גלאַטע, גלייכע, אויסשטודירטע רייד /
לאָזט וויסן וועגן / אַן ערדציטערניש / ערגעץ אין קאַליפאָרניע /
צי ערגעץ אין טערקיי / ווו אומגעקומען זענען גאַנצע שטעט מיינסגלייכן /
כאַפּ איך זיך פאַרן קאָפּ און זיפץ אַרויס: / אוי ווי / אַזאַ וויסטער אומגליק /
ווען ראַדיאָ־נייעס / מיט גלאַטע, גלייכע רייד דערציילט וועגן /
איין מענטשן / וואָס האָט זיין פויסט אויפגעהויבן / אַנטקעגן אַ צווייטן /
פאַרברעך איך די הענט / און קרעכץ אַרויס: / אוי ווי /אוי וויז /
אַזאַ פינצטערע טראַגעדיע / אַזאַ וויסטע, פינצטערע טראַגעדיע".

שינאה פון איין מענטש צום צווייטן איז פאַר דער דיכטערן אַ גרעסערע טראַגעדיע, ווי אַן ערד־ציטערניש. פון דער לעצטער קומען אום צענדליקער, הונדערטער מענטשן, אָבער שינאה טראָגט מיט זיך די פאַרניכטונג פון דער גאַנצער וועלט.

עס וואָלט נישט פול געווען דער שעפערישער פּאָרטרעט פון אונדזער דיכטערן (מען קאָן אים אגב סיי ווי נישט אויסשעפּן אין אַ קורצן איבערבליק) ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען צווישן דער אַלזייטיקער טעמאַטיק פון אירע לידער די א.ג. עראָטיקעס, אָדער ליבע־לידער, וואָס זענען צעוואָרפן ווי דופטיקע בלומען אין אַלע אירע ביכער. בלויז אייניקע שורות פון אַ ליד א.נ. "פאַרבעטונג געשיקט דורך מיין טויב" און מיר וועלן זען ווי טיף עס גרייכן אירע געפילן און ווי זי געפינט די סאַמע פּאַסיקסטע, שטילע און איידעלע, וואָלט איך געזאָגט, ווערטער זיי אויסצודריקן, אָט די געפילן:

"קום! / איך וועל צעפּראַלן טיר און טויער / פאַר דיין קומען.
ס'וואַרט אויף דיר / אַ מגילה אַ פאַרוויקלטע; / קום. / וויקל אויף; /
...און ווען סטו אויפוויקלען נישט קענען, / וועל איך פאַרהאַקן
טיר און פענצטער, / אויסלעשן דאָס ליכט / און ביי דער שיין פון
דיינע אויגן / ביי די פלעמלעך בלאָע / לייענען פאַר דיר / מגילת / מלכה".

אייגנטלעך זענען אַלע אירע לידער אַן אויפוויקלונג פון מגילת מלכה...

און נאָך איין שטריך צום שעפערישן פּאָרטרעט פון אונדזער דיכטערן - איר סענסיטיווקייט, איר באַציונג צום געשריבענעם וואָרט. ווידער דערמאָנט זיך מיר אונדזער לעצטע באַגעגעניש מיט מלכהן ווען זי האָט דערציילט וועגן אַ קליין ליד וואָס זי האָט געהאַט אָנגעשריבן בעת אַ באַזוך אין ישראל און וואָס האָט איר אָפּגענומען דעם שלאָף פון די אויגן. איך וועל ברענגען דאָס ליד אינעם ערשטן און צווייטן וואַריאַנט, וועלכן זי האָט אָנגעשריבן נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט. דער ערשטער וואַריאַנט לייענט זיך אַזוי:

"אַזוי פיל צדיקים אין דיין קליינער נחלה, / קליינע מאַמע. /
אַזוי פיל גאונים אין דיין קליינער נחלה, / קליינע מאַמע. /
נאָר ס'זענען די צדיקים / קיין גאונים נישט / אוי מאַמע. /
און ס'זענען די גאונים / קיין צדיקים נישט / מאַמינקע מיינע".

און אָט איז דער צווייטער וואַריאַנט:

אַזוי פיל צדיקים אין דיין קליינער נחלה / קליינע מאַמע /
אַזוי פיל גאונים אין דיין קליינער נחלה, / קליינע מאַמע, /

זאָלן די צדיקים / אויך גאונים זיין / אוי מאַמע. /
און זאָלן די גאונים / אויך צדיקים זיין / מאַמינקע מיינע".

אַ קליינע ענדערונג פון די לעצטע זעקס שורות, און וואָס האָט זיך באַקומען? פון שטראָפערישע רייד מצד אַ זייטיקן צושויער - אַ נביאישע וויזיע פון אַ נייער גערעכטער וועלט! און אַזוי האָט זי דאָס ליד אָפגעדרוקט (דעם צווייטן וואַריאַנט, פאַרשטייט זיך) און מיט דעם עפנט זי איר בוך א.ג. "בלעטער פאַלן נישט", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1972 אינעם פאַרלאַג "ישראל-בוך".

בכלל גענומען האָט מלכה טוזמאַן אַ סך געשריבן וועגן מדינת ישראל און איר אינטימער באַציונג צום לאַנד פון די אבות. אָבער אירע לידער וועגן ירושלים, וועגן חיפה, צפת, וועגן קיבוץ זענען נישט קיין באַמבאַסטישע רעקלאַראַציעס פון ליבשאַפט, וואָס איז פרעמד דער נאַטור פון איר פערז, נייערט שטילע אויסדרוקן פון טיף דורכגעלעבטע עמאָציעס. פאַר אָט די שטילע אויסדרוקן - ש ט י ל מ אָ ל ש ט י ל - איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש אַ קורץ ליד וואָס איך וויל דאָ ציטירן אין גאַנצן:

"זיצן מיט דיר ביים / הילצערנעם טיש / אָנמעסערדיק / מיט הוילע הענט /
אויפברעכן אַן ערשט-געבאַקן ברויט / צוזאַמען / אַריינציען דעם ריח פון /
פריש געבעקס / און איך וועל זאָגן / גוטע ערד / און דו וועסט זאָגן /
ליבער רעגן / און איך וועל זאָגן / ווינט און האָגל / און דו וועסט זאָגן /
היץ און זאַמד / און איך וועל זאָגן / האָס און שרויט / פון יענער זייט /
שטעכל-פלויט. / און מירן אַ ווײַלע / בלייבן שטום / און יעדער וועט
פאַר זיך / בענטשן פרום / אַיערן ביסן / זיסן / ברויט."

(ישראל-ברויט")

* * *

ווי געזאָגט איז מלכה טוזמאַנס וועלט-באַנעם אַן אָפטימיסטישער, הגם באַהויכט פון אַ ביסל סקעפסיס, פון דאַנען איר דערגיין צום אויספיר, אַז "היינט איז אייביק", וואָס איז דער נאָמען פון איר לעצטן בוך, לויט אַ פרעכטיק ליד וואָס איז אין דעם פאַראַן. עס מאַכט נישט אויס וואָס איינשטיין האָט שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, און באַוויזן מיט וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען, אַז צייט און רוים איז ר ע ל אַ ט י ו ו. פאַר מלכה טוזמאַן איז היינט - אייביק, אייביק איז אָט איצט... יעדע רגע וואָס מיר לעבן און באַנייען זיך, פונקט ווי די נאַטור, איז אַן אייביקייט, וואָס מיר ווילן אויפהאַלטן אין זיך. נאָך טיפער באַווייזט עס די דיכטערן אינעם ליד "אויס און ווידערווערן":

"ס'טרעפט מיט מיר אַ "ווערן אויס": / פון וועלט אַרויס, / פון זיך
אַרויס / אָן שרעק, / אָן פרייד, / אָן זיפץ, אָן טרער - / אויס. פלוצלינג /
ווי אַ ניי געבערן / קומט אַ "ווידערווערן" / קומט מיט פרומער פרייד /
און טרערן / ווי כ'וואָלט דעם שבת קודש / אין מיטן וואָך / אין שטוב
ביי זיך דערזען. / און איך בענטש דעם ווידערווערן. / ס'איז אַלע מאָל
מיר ערשטיק - ניי / און שטרענג / און רחמימדיק / און טוט רחמימדיק מיר
וויי."

לאָמיר פרווון אַ רגע אַנאַליזירן דאָס דאָזיקע ליד, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַן אַרכיטעקטאָנישע גאַנצקייט און באַווייזט די מייסטערשאַפט פון מלכה טוזמאַן. מיר האָבן דאָ גלייכצייטיק אַ טיפע פערזענלעכע שטימונג און דעם ברייטן באַגריף פון ביאָלאָגישן פאַרגיין און אויפגיין. נאָכן ווערן אויס קומט דער ו ו י ד ע ר ו ו ע ר ן ו ו י

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## מאָרגנרויט

זומער פאַרטאָג געענעט אין אַ וואָלקן
פון פייער און גאָלד,
אויפן דעמער־שוועל חלומט
אַ גרייזיקער יאָלד.

מיינע קאַיאָרן,
אין רעגן געטובלטעביימער,
אויטאָ געאייל,
און קינדער־געזעמל אויף ראָגן;
זיי זיינען מיר איינג, די זומער־פאַרטאָגן.

באַגינען שאַרט זיך אַריין מיט געשפּיל
אַ פאַרהוילענע פליט,
יעדער טאָג מיט אַן אַנדערן סטיל,
אַן אַנדער באַשייד.

זומער־פאַרטאָגן אין מאָרגנרויט
וועקן די איינגעדרעמלטע מימאָזן,
טל ומטר אויף די גראָזן.

גאָלדענער שאַריי, ליד פון מיין דאָ־זיין,
יעדער טאָג - אַ מודה אני:
אַ מאָל - געטובלט אין פייער
אַ מאָל - געהילט אין אַ זיידענעם
שלייער.

יעדער פרימאָרגן וואָס קלאַפּט אין טיר
איז נצחון
פון מיינע צוגעזאָגטע טעג,
מיטן ליד געאָרעמט
איך לאָז זיך אין וועג.

## קינדער פון מעשה־ביכל

ס'איז געווען אין בליצייט פון אונדזער טרעפונג
ביים שטילן טייך פון מיין חלום,
דו ביסט געווען פאַרהוילענער סוד - איך דיין באַשייד
ניגון פון בלינדער פרייד אין שיכורן ווינט,
די זון האָט געלאַכט ווי אַ קינד.

←

---

אַ נ י י ג ע ב ע ר ן. און וואָס קאָן זיין הייליקער און שענער! דערפאַר די אַסאָציאַציע מיט שבת קודש... "ווי כ'וואָלט דעם שבת קודש אין מיטן וואָך אין שטוב ביי זיך דערזען"... און יעדער געבורט איז אַלע מאָל ערשטיק און ניי און - טוט רחמימדיק ווי. אָט איז אַ ליד, איינס פון אַ סך ביי מלכה טוזמאַן, וואָס איז אוניווערסאַל און איינצייטיק טיף יידיש, איינגעפּאַסט אין יידישער מיליע, אין יידישער טראַדיציע און בילדלעכקייט.

מלכה טוזמאַן האָט פאַרהעלטנישמעסיק יונג אָנגעהויבן שרייבן און אַפילו זיך דרוקן אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן, אָבער עס האָט געדריערט אַ היפּשע צייט ביז זי האָט זיך אַנטשלאָסן איינצוזאַמלען אירע לידער אין אַ בוך. איר ערשט לידער־בוך איז דערשינען אין 1949 יאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס, און זינט יענער צייט זענען דערשינען אַנדערע פינף לידער־ביכער אירע אין יידיש, און איינס אין ענגליש. זי האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אין דער יידיש - ליטעראַרישער וועלט. עס גלויבט זיך קוים, אַז עס זענען שוין פאַרביי צען יאָר זינט זי איז אַוועק פון אונדז. און הגם מיר ווייסן, אַז עס איז פאַראַן אַ "ווידערוווערן", אויב נישט ביאָלאָגיש איז גייסטיק, באַזונדערס פאַר אַ דיכטער, פאַר אַ מענטש פון גייסט, וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך אַן אומאָפּשאַצלעכע ירושה - טוט נאָך אַלץ אַזוי רחמימדיק וויי...

אויפֿן גרינעם ברעג פֿון צעשויבערטער ליבשאַפֿט
האָט געגרעגנט אונדזער אייביקייט,
וואָס איז מיט אַלע אייביקייטן אַוועק אין פֿאַרשווינד.

ווען די ווערלדער פּוילישע האָבן געברענט
ביסטו אַנטרינען אין פֿאַרוויייטן נאַכטלאַנד
און איך בין געבליבן אין פֿאַרוואָגלטן אַליין,
- אַ וואַנדער־שאָטן ביים ראַנד פֿון פֿאַרגיין.

ווען די וועלדער פּוילישע האָבן געברענט
בין איך אַוועק אין וויסטן געוואַלגער
און דו - אין גרויליקן פֿאַרלענד.

*

לאָמיר זיך האַלטן ביי די הענט,
צוריקפֿליען אין געדענק־לאַנד;
איך - מיט מיינע צעשויבערטע האָר,
דו - אין ווינט־צעפּלאָטערטן טיכל;
מיר זיינען איצט ביידע געוואָרן קינדער
פֿון מעשׂה־ביכל.

## די באַנק

די ליידיקע באַנק אין האַרבסטיקן פּאַרק
וואַרט אויף די סומנע לייט וואָס גענענען אַהערצו
מיט סודיקן שמייכל און ווייטיקע קני,
דעמער־שאָטנס טוליען זיך אין פֿאַרבענקטן גלי.

די באַנק זינגט־מיט אונדזערע אָפּגעבוימלטע לידער
פֿון אויסגעשפּילטע ליבעס אויף יענער זייט בריק,
אין צעשויבערטן ווינט די נעבטיקע יונגשאַפֿט,
וואָס קומט נישט צוריק.

די באַנק - אַ געטרייע חברטע אין געשוויג
וועט וואַרטן ביז שפּעט אין האַרבסטיקן פּאַרק
און חלומען מיט אונדז באַנאַנד
פֿון בלענדיקן רעגן־בויגן,
פֿון די בלויע זינגפֿייגל, וואָס זיינען אָפּגעפֿלויגן.

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

## אַ געבייזער

לײדיק די גאַס.
הוילע דונערן טריט אַפּילו
שפּעטע נאַכטישע שעהען שטילע...
נאָר גלעקער זיך צעקלינגען פון וואַנען,
נישט געהערט פון קיינעם,
הילכן אָפּ אין מיר.
אַ געשריי פון איינעם אויף פּאַפּיר.
וויבראַציעס - ווייטע טענער
גרייכן ביז אַהער. אַזאַ געבייזער!
און איך זאָג: שאַ!
אומגעזוע׳נע פּיילן פלי׳ן אַהין.

קריגן זיך אָן ווערטער? וואָסער זין?
זאָג איך שטיל!
און איך האַלט דעם פּיילן־בויגן
אויסגעשטעלט צום ציל.
ווערט עס שטום, פאַרשטאַרט,
פאַרקילט
און צעלייגט זיך ווי אַ שטיין
אויפן געמיט
דאָס נישט־דערשריגענע,
נישט־דערזאָגטע, דאָס
נישט -

## וועגן אַ וואָרט

וועגן אַ וואָרט
אויף שפּיץ צונג
מיט גאַנצן וואָג־און־קלונג
אין אַלע אברים
מיט לייכטן אָנווונק
זיך איינגעקאַרבט
און כוואַליעס ציען
הייס און קאַלט
ווי טעלעפאָן־דראָטן הילכן אָפּ

מיט נישט־דערפירטן אויספיר
און ס׳קאָכט און זידט שוין
שאַרף און דין
און ס׳ווייסט שוין איטלעך
קעמערל דערפון
ווי צעליכטיקט און פאַרפינצטערט
ס׳איז די שעה פון טאָג
דאָס שטרייפל זון
אויף בלאַנקן ראָג.

**מכּוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 • L.A., CA 90049
Phone: (310) 820-2976
פאַרוואַלטונג "חשבון"

שירה גאָרשמאַן / אַשקלון

# אַ זעלטענע נאַכט...

## דערציילונג

אין מאָסקווע, לעבן טומלדיקן טישינער מאַרק, ווו ס'זענען תמיד געווען זייער אַ סך מענטשן און, ווי אויף יעדער מאַרק, האָט מען געקויפֿט, פֿאַרקויפֿט, זיך געדונגען, אָפֿט אַפֿילו זיך געשלאָגן, האָט אין אַ זייטיקער גאַס, נישט ווייט פֿון מאַרק, זיך געפֿונען די קליין־גרוזינער גאַס. די מלחמה מיטן פֿאַשיזם איז אויסגעבראָכן אין אַ יאָר אַרום. נאָר מאָסקווע איז נאָך דעמאָלט געווען נישט אַזאַ ווי נאָך דער מלחמה. אויף דער גרוזינער גאַס זענען געווען געגנוג הילצערנע אַלטע הייזער, אַפֿילו אויסגעקרומטע חורבות. אין איינער אַזאַ חורבה האָבן געוווינט די קינסטלער יעקב גוסמאַן און פֿייגע פּאַליסאָוויטש. פֿייגע, אָדער ווי מע האָט זי גערופֿן פֿאַניע, האָט אילוסטרירט קינדער־ביכלעך. די בעסטע מחברים זענען צון איר נישט אַריינגעפֿאַלן. פֿון דעסטוועגן האָט דאָס פּאָרפֿאָלק געצויגן זייער קאַרגע חיונה פֿון פֿייגעס אילוסטראַציעס. יעקב, ווידער, האָט געמאָלט אַקוואַרעלן, גואַשן, טוש־צייכענונגען. אויף אויסשטעלונגען האָט מען אים גענומען זייער זעלטן. זיינע בילדער פֿלעגט ער אויך פֿאַרקויפֿן זעלטן. פֿון דעסטוועגן האָט מען אים געקענט און אַפֿילו באַוווסטע קינסטלער פֿלעגן אָפֿט קומען, ווייל יעקב איז געווען אַ זעלטענער צייכנער. אַוודאי וואָלט דאָס צימערל, ווו זיי האָבן געלעבט, געמעגט זיין גרעסער, לופֿטיקער. די סאָפֿע האָט געמעגט האָבן ווינציקער פּרוזשינעס. די שטולן וואָלטן נישט געדאַרפֿט הינקען. ווינטער האָבן זיי זיך געוואַרעמט מיט אַ קעראָגאַז. יעקב האָט געהוסט. און אַז מ'האָט אַרויסגערופֿן דעם דאָקטער פֿון קינסטלער־פֿאַראיין, האָט ער קורץ געזאָגט:

– יעקב יאָסיפֿאָוויטש, פֿאָדערט אַן אַנדער צימער אין קינסטלערישן פֿאַראיין. מע בויט דאָך דאָרט זייער אַ סך. אייער הוסט געפֿעלט מיר נישט. ער איז זייער אַ טיפֿער און אַ הייזעריקער. באַציט זיך ניכטער און ערנסט דערצו.

נאָר יעקב האָט גאָרנישט געפֿאָדערט. האָט געמאָלט און געצייכנט, אַפֿילו געהאָט עטלעכע שילערינס פֿון מאָלעריי־אינסטיטוט, זיי געלערנט צייכענען און אַ ביסל פֿאַרדינט, ווי פֿאַניע פֿלעגט שווייגנדיק טראַכטן: וואַסער אויף קאַשע...

אַנומלט איז געקומען צו יעקבן איינער פֿון די דריי קינסטלער, וואָס האָבן געאַרבעט אינאיינעם. ער האָט אויפֿמערקזאַם באַטראַכט וואָס יעקב האָט אים געוויזן און אויסגערופֿן:

– יעקב יאָסיפֿאָוויטש, דו אַרבעטסט כמעט מיט גאָרנישט. זייער ווינציק גרין און ראָז, אַ ביסעלע גרוי און שוואַרץ. איך וווּנדער זיך, ווי בולט אַלץ איז.

יעקב האָט אים אָנגעקוקט און זאַכלעך באַמערקט:

– פֿאַרוואָס עפּעס מיט גאָרנישט? אַ נישטיק ברעקעלע נשמה איז אַלע מאָל דאָ אויף מיין פּאַליטרע.

דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. זיין נשמה האָט יעקב נישט געזשאַלעוועט. געהוסט אַלץ מער און מער, און אין איינעם אַ טאָג איז געקומען אַ וווקסיקע באַלייבטע פֿרוי און האָט אים פֿראַסט געזאָגט, אַז זי וויל זיך ביי אים לערנען צייכענען. יעקב האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ וועלט־באַרימטע פּיאַניסטן און ער האָט מיט וווּנדער געפֿרעגט:

– צוליב וואָס דאַרפֿט איר דאָס? דאָס איז זייער אַ שווערע אַרבעט.

– דאָס וועט מיר העלפֿן בעסער שפּילן. איך וויל אייך נישט באַליידיקן, קיינער

אַרבעט נישט אומזיסט. איר ווייסט, אַז קיין געלט פעלט מיר נישט און איך קאָן באַצאָלן.

זי האָט טאַקע אָנגעהויבן קומען צוויי מאָל אַ וואָך. זיי האָבן זיך זייער באַפריינדט. איין מאָל האָט די פּאָפּולערע פּיאַניסטן אַרויסגעזאָגט איר מיינונג:

– יעקב יאָסיפּאָוויטש, די אומבאַרינגטע ערטער האָבן געדאַרפט זיין נידעריקער, ווי זיי זענען. ווייל אייער צימער איז נידעריקער פון די "ערטער", העלפט נישט די שמאַטע וואָס ליגט ביי דער טיר. פאַרוואָס רופט איר נישט אַרויס איינעם פון די אָנפירער פון קינסלטער-פאַראיין ער זאָל אויך אַ ביסל געניסן פון דעם אַראָמאַט אין אייער צימער?

יעקב האָט געהוסט און געהוסט ביז ער האָט אויפגעהערט. ער איז אַוועק אין דער בעסערער וועלט צוויי חדשים פאַר דעם, ווי דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד.

*

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די טיר נישט פאַרמאַכט. די זענען אַרויס, די אַנדערע זענען געקומען. ס'איז אויך געקומען אַ באַקאַנטע קינסטלערין, וואָס האָט אַוועקגעפירט פּאַניען די אַלמנה. ליאָווע זעווין, אַ גוטער קינסטלער, וואָס איז אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אומגעקומען, איז נאָך דערווייל געווען גאַנץ לעבעדיק. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט. ער האָט שטיל געזאָגט צו איינער אַ קינסטלערין: "לידע, וואָס האָט מען געדאַרפט אַוועקפירן פּאַניען? זי איז געווען גאַנץ רואיק. זי האָט געזען ווי יעקב ליגט אויף די פּרוזשינעס, צוגעדעקט מיט דער ברוינער דעקע, און זי פאַרשפּאַרט שוין צו קלינגען אויף אַלע טעלעפאָנען און פרעגן באַקאַנטע, "פאַר וואָס איז נאָך יעקב נישטאָ אין שטוב". ליאָוועס באַמערקונג איז געווען אַ ריכטיקע. אַז יעקב פלעגט שוין יאָ קומען אַרום צוויי, האַלב דריי, ביינאַכט, האָט ער געהאַט צו דערציילן פּאַניען, אַז ער האָט אַזוי פאַרשפּעטיקט, ווייל דער טראַמוויי איז אַראָפּ פון די רעלסן. צי דאַרף מען דאָ נאָך צוגעבן, אַז ער פלעגט פאַרשפּעטיקן צוליב אַנדערע סיבות...

* קינסטלער, וואָס זענען געקומען אין איינעם מיט די ווייבער, זענען אין אָוונט אַוועקגעגאַנגען, ווייל זייערע ווייבער האָבן זיך זייער רירנדיק באַצויגן צו זיך. די וואָס זענען געקומען אָן ווייבער זענען אויך אַוועק. און אַ זייגער האַלב עלף אין אָוונט איז געבליבן נאָר איין קינסטלערין – וועראַ פּיאָדאָראָוונאַ. זי האָט קיין מאַן נישט געהאַט און אַליין האָט זי זיך באַצויגן צום נפטר, וואָס איז געלעגן אויף די פּרוזשינעס, רואיק. זי האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף זיך שרעקן פאַר לעבעדיקע און נישט פאַר טויטע. זי האָט געפונען דאָסטאָיעווסקיס "ווייסע נעכט" אַ צעפליקטן באַנד, און האָט געלייענט. זי האָט קוים געהערט ווי אַרום צוועלף אַזייגער האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך שטיל אַריינגעשטעלט אַ וווּקסיקע לייביקע פרוי אין אַ ברייטן שוואַרצן אויבערמאַנטל, אין אַ דינער שוואַרצער שאַל, וואָס האָט אַזוי שיין געפּאַסט צו איר פּנים, און איר פּנים איז דאָך געווען פּרעכטיק. אָבער דער מחבר פון די שורות האָט נישט ליב קיין שיינע ווערטער, ס'איז אים מער צום האַרצן בעת ער זאָגט פאַר וואָס איז עס פּרעכטיק. פּרעכטיק איז געווען דער אָוואַל פון פּנים, דאָס מויל, וואָס איז געווען אַזוי שיין געצייכנט און האָט פאַרנומען אַזוי ווינציק אָרט, דער היכער שטערן, וואָס איז באַשיינט געווען פון די עטוואָס גראָלעכע, געדיכטע האָר; די וויעס, וואָס האָבן געוואָרפן אַ ברייטן פרענזלדיקן שאָטן אויף אירע צאַרטע, אַ ביסניקע ראָזלעכע, באַקן... זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון אירע פּלייצעס דעם שוואַרצן מאַנטל, האָט פאַרשאַרט דעם דינעם, שוואַרצן שאַל פון אַרום פּנים, אַ שאַר געטאָן די האָר אַרינטער די אויערן, געעפנט דעם רידיקיול, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ פּירקאַנטיקע קליינע זאַך, פאַרוויקלט אין אַ

שניי־ווייס פּאַטשעלקעלע, פונאַדערגעעפנט, דאָס פּאַטשעלקעלע אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, און שטיל געוומען לייענען: "גליקלעך איז דער, וואָס איז מיט בטלנים נישט געזעסן און אין די וועגן פון זינדיקע נישט געגאַנגען".

ווערע פיאָדאָראָוונאַ האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז תהילים. אָבער די געקומענע האָט נישט לאַנג געלייענט, געזאָגט צו ווערען:

– "איר מיינט אויך, ווי אַנדערע, אַז אַ געשטאָרבענער דאַרף נישט טרינקען? ער ליגט טאַקע, אָבער זיין נשמה איז אַרום אונדז, און דורשט.

– אָט איז אַ האַלבער עמער מיט וואַסער – זאָגט ווערע.

– זייט אַזוי גוט און גייט אַרויס, גיסט אויס, נעמט אָן פון קאָלאָנקע פרישע וואַסער און ברענגט עס.

פונעם פרישן וואַסער האָט ווערע פיאָדאָראָוונאַ אָנגעשעפּט אַ גאַנצע קוואָרט און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. די געקומענע האָט עס גענומען, זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער קוואָרט אין דער האַנט לעבן טויטן, געשטאַנען וויפל זי האָט געפונען פאַר נייטיק, עס ווידער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, זיך געזעצט אויפן שטול און אָנגעהויבן שעפּטשן פון תהילים.

ווערע פיאָדאָראָוונאַ איז אַנטדרעמלט געוואָרן, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, אויף עטלעכע מינוט, אָבער זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טריט וואָס האָבן זיך דערהערט פון דרויסן. ס'איז אויך ליכטיקלעך געוואָרן. ווערע האָט דערהערט אַ גלייכמעסיק רויקן אָטעמען. זי האָט דערזען אַז די געקומענע שלאָפט. ס'איז נאָך ליכטיקער געוואָרן. די געקומענע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, גיך אַרויסגעכאַפּט דעם שוואַרצן ברייטן אויבערמאַנטל און רויק שטיל געזאָגט:

– "האַלב צען האָב איך דאָך אַ קאָנצערט. איך לויף". און זי איז אַרויס פון צימער.

אַ זייגער זיבן האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט אַריינגעשפּאַנט ליאָווע זעווין. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף די ציפּקעס, ווייל ער איז געווען נישט וווקסיק און האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געפרעגט:

– ווערע, דו ביסט אַ גאַנצע נאַכט געזעסן מיטן טויטן?

– די נאַכט, ווי לאַנג זי איז געווען, איז זי שוין אַוועק.

–זאָג מיר ווערע, דו ווייסט ווער מיט דיר איז געזעסן? כ'האָב זי באַגעגנט לעבן דער טיר.

– איך האָב געקוקט און געקוקט. כ'בין געווען זיכער, אַז כ'האָב זי געזען נישט איין מאָל, און כ'האָב זיך נישט געקענט דערמאָנען נישט ווער זי איז און ווי מע רופט זי.

– חכמה מיינע, וויפל מאָל האָסטו געזען, ווי זי שטעלט זיך אויף די קני איידער זי זעצט זיך צו דער פאָרטעפּיאַנע, דאָס איז דאָך די באַרוומטע יודינאַ, די וועלט־באַרימטע פּיאַניסטין. וואָס האָט זי דיר עפּעס געזאָגט?

– זי האָט מיר געזאָגט זייער שטיל, אַז צו דער לוויה וועט זי קומען.

– געוויס וועט זי קומען. איך קלינג איר אָן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, פרעגט זי מיך: "וואָס פאַר אַ קינסטלער איז שוין ווידער געשטאָרבן?" ווייל קיין איין הספד באַגייט זיך נישט אָן אירע קאָנצערטן... ס'איז דיר באַשערט געווען אַ גליקלעכע נאַכט. אויב מע קאָן זאָגן אַז אין אַזאַ נאַכט קאָן באַשערט זיין אַ גליק. אַנטשולדיק מיין פראַגע, – איז ליאָווע געוואָרן נייגעריק, – זי איז טאַקע געווען נישט מער ווי נאָר זיין שילערין?...

– אויף אָט דער פראַגע קאָן איך דיר גאָרנישט ענטפערן, – האָט ווערע געזאָגט.

משה וואָלף

# דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף שראָגין
# זיין לעבן און זיינע "געזאַנגען"

"דאָס פאָלק דאַרף וויסן וואָס פאַראַ כוחות
עס געפינען זיך ביי אים" (שלום־עליכם)

א.

די יידישע קינסטלערישע ליטעראַטור איז אַ גרויסער בעל חוב לגבי הונדערטער און הונדערטער יידישע פאָלקס־זינגערס און קאָמפּאָזיטאָרן. וועלכע האָבן במשך פון לאַנגע יאָרן באַשיינט דאָס קאָמפּליצירטע לעבן פון אונדזער פאָלק. בלויז איינציקע שרייבערס און ליטעראַטור־קריטיקערס האָבן געווידמעט זייערע ווערק דעם לעבן און שאַפן פון באַוווסטע יידישע פאָלקס־מוזיקערס, אָבער די מערהייט פון די פאָלקס־זינגערס, פון די איינגעבוירענע טאַלאַנטן - זינגערס, און עמך־קאָמפּאָזיטאָרן -וועלכע האָבן אין אונדזער דראַמאַטישן קאַמף פאַר קיום, געהאָלפן מיט זייער קינסטלערישער מי גובר זיין טרויער און יאוש - די דאָזיקע נשמה־דערקוויקערס זענען אַוועק אין דער אייביקייט, און מיט דער צייט, פאַרגעסן געוואָרן. נאָך מער: אַפילו די, וואָס זינגען נאָך עד היום זייערע לידער און זייערע האַרציקע מעלאָדיעס, ווייסן אָפט ניט, ווער ס'זענען געווען זייערע פאַרפאַסערס.

– פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קאַרגשאַפט און זכרון־שוואַכקייט? - בלי ספק, ניט פון גלייכגילט און ניט פון נידערשעצונג... פאַרקערט! מימי קדם, אַזש פון משה רבנוס "אָז ישיר" און זיין שוואַנען־ליד "האזינו השמים ואדברה", איז דאָס זינגען און שאַפן געזאַנגען געווען ביי יידן אַ מלאכת קודש, און מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער קלאַנגוועלט.

דער מאַנגל פון ליטעראַרישע ווערק - קינסטלערישע דערציילונגען און ביאָגראַפישע עסייען וועגן דעם לעבן און שאַפן פון אונדזערע מוזיקערס - איז באַדינגט פון אַ ריי קאָמפּליצירטע סבות. די ערשטע פון זיי איז די דיסקוסיע, וועלכע פירט זיך יאָרן לאַנג צווישן שרייבערס און מוזיק־פאָרשערס: - ווער דאַרף שרייבן?

די מוזיקאָלאָגן שטרייכן אונטער, אַז באַשרייבן אין צוגענגלעכע ווערטער מוזיק איז אוממעגלעך. באַשרייבן מוזיק - זאָגן זיי - איז דאָס אייגענע, ווי באַשרייבן דעם טעם פון צפיחית ברבש, ניט נעמענדיק עס אין מויל אַריין. אַ פּראָפעסיאָנעלער אַנאַליז פון קאָמפּאָזיציע אָדער פון דער אויספילונג פון מוזיקאַלישע ווערק - דאָס יאָ! - דאָס איז וויכטיק, אַקטועל און אינטערעסאַנט, אָבער, דאָס איז דאָך נאָר פאַר אַן ענגן קרייז פון מוזיקאַליש געבילדעטע לייענער. פאַר ברייטע קרייזן, ניט־מוזיקערס. לויט זייער מיינונג, דאַרפן שרייבן ליטעראַטור־פאָרשערס, שרייבערס און עסייאיסטן.

די לעצטע, דאַקעגן, טענהן, אַז באַהאַנדלען דאָס שעפערישע לעבן פון מוזיק־קינסטלערס און די מוזיק פון זייערע קינסטלערישע ווערק, ניט האָבנדיק קיין ספּעציעלע בילדונג, איז פּשוט ניט מעגלעך, "ווייל מוזיק איז בכוח איבערגעבן אַלע מענטשלעכע שטימונגען מיט אַזאַ קראַפט און טיפקייט, וואָס דאָס וואָרט קאָן עס באַין אופן ניט באַווייזן. די מענטשלעכע שפּראַך איז באַגרענעצט, און זי קאָן נישט ברענגען צום אויסדרוק געפילן, אין די באַשטימטע ראַמען פון עקזיסטירנדיקע ווערטער".

די קלאַסיקערס פון אונדזער ליטעראַטור (שלום־עליכם, י.ל. פּרץ) און אַ ריי שרייבערס פון אונדזער יאָרהונדערט (ש. אַנ־סקי, אי. גאָלדבערג, דב סדן, אי. דרוקער, נאָטע לוריע, יששכר פאַטער, משה לאָיעוו, א.אַ.) האָבן באַוויזן, אַז די אויבן געבראַכטע קאָנטראָווערסאַלע מיינונגען זענען באַגרינדעט נאָר טיילווייז. די דאָזיקע שרייבערס האָבן געשאַפן ווונדערבאַרע פּאָרטרעטן און ביז גאָר איינדרוקספולע און איבערצייגעוודיקע באַשרייבונגען פון דעם לעבן און שאַפן פון פאָלקס־זינגערס, קאָמפּאָזיטאָרן און דיריגענטן. מיט דעם האָבן זיי באַרייכערט אונדזער וויסן און אונדזערע געפילן, און, וואָס איז זייער וויכטיק: מיט דעם האָבן זיי פאַראייביקט זייער זכר אין דער קולטור־היסטאָריע פון אונדזער פאָלק.

אין אונדזער גורלדיקן געראַנגל פאַרן קיום פון מאַמע־לשון, ווען אונדזער יידיש וועלטל ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ווען עס גייען אַוועק פון אונדז די שעפערס פון אונדזער קולטור, און די יידישע ניגונים ווערן אַלץ שטילער און שטילער, איז אונדזער חוב צו דערמאָנען די דאָזיקע "וואַסער־טרעגער", וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט געטראָגן פאַרן פאָלק פולע עמערס מיט ניגונים און געזאַנגען. איינער פון זיי איז געווען דער לאָס־אַנדזשעלעסער קאָמפּאָזיטאָר, יוסף שראָגין.

ב.

"און געהאַט האָט דער ייד אַ גרויסע מעלה: אין יעדן ניגון האָט ער אַ נשמה אַריינגעגעבן, אַ פּונק ייד און אַ פּונק מענטש, און ס'איז אַ נשמה געוואָרן".
(אי. גאָלדבערג. "יידישע קולטור", נומ. 2–1, 1995, ז. 53)

יוסף שראָגין איז געבוירן געוואָרן אין 1902, אין דער יידישער שטאָט קאָוונע (ליטע). ער איז געווען איינער פון 11 קינדער אין דער משפּחה. פון זיי זענען געבליבן נאָר דריי. (8 קינדער – ברידער און שוועסטער – און זיינע עלטערן זענען געוואָרן אומגעבראַכט אין קאָוונער געטאָ דורך די היטלעריסטישע מערדערס).

יוסף שראָגין שטאַמט פון אַ לאַנגדורותדיקער צעצווייגטער משפּחה, פון וועלכער עס זענען אַרויס פאַרשידענע קינסטלערס – אַרטיסטן, מאָלערס און דעקאָראַטאָרן (הויז־באַפּוצערס). אין די קינדער און יוגנט יאָרן לעבט ער איבער אַ ריי פּאָגראָמען, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרפלייצט די ליטווישע יידישע שטעטלעך. ניט איין מאָל קומט אים אויס צו לויפן מיט דער גאַנצער משפּחה קיין ווילנע. יוסף שראָגין לערנט זיך אין אַ יידישער פאָלקס־שולע, וואַקסט און דערציט זיך אין אַ טראַדיציאָנעלער יידישער היים, אָבער אין וועלכער רעליגיע שפּילט שוין ניט די הויפּט־ראָלע. אין דער היים הערשט דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע ליד און דער יידישער ניגון, און זיי באַווירקן די פילבאַרע נשמה פון דעם יונגן יאָסעלע. פון קינדרווייז אָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין כוח הדמיון און מיט זיין ספּעציעלן מוזיקאַלישן חוש און הער־זכרון... ער האָט פאַרמאָגט געבענטשטע אויערן – אויערן, אַנטענעס, וואָס האָבן באַנומען. ווי עס פרייען זיך וועלדער, ווי עס זינגען ביימער. ווי עס פאָכן מיט די פליגלען און זינגען פייגל, און ווי אַלע קולות גיסן זיך צונויף אין איין שפּיל, אין איין געזאַנג.

ניט געקוקט אויף די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען אין וועלכע עס האָט געלעבט די משפּחה, איז ער געווען פול מיט טרוימען און האָפענונגען. מיט גרויסע שוועריקייטן

קלייבט ער צונויף עטלעכע זלאָטעס, קויפֿט אַ מאַנדאָלינע. און אָן זייטיקער הילף לערנט ער זיך אויס שפּילן, און דער עקר – אויסשפּילן זיינע אייגענע ניגונים, וועלכע לאָזן אים ניט רוען. ער טרוימט צו ווערן אַן אַרטיסט.

אין 1924 קומט ער קיין אַמעריקע (טשיקאַגאָ), צו זיין ברודער, דעם מאַליער, ישראל, וועלכער לערנט אים אויס דאָס זעלבע פֿאַך און יוסף הייבט אָן פֿירן אַ זעלבשטענדיק לעבן. ער אַרבעט שווער פֿון פֿריען טאָג ביז שפּעט-נאַכט, אָבער ער צעשיידט זיך ניט מיט זיין מאַנדאָלינע און מיט זיינע טרוימען.

ווינטערצייט, מחמת דעם קאַלטן וועטער אין טשיקאַגאָ, פֿלעגט ער אַריבערפֿאָרן קיין ניו-יאָרק. דאָרטן גיט זיך אים איין אַריינטרעטן אַלס אַקטיאָר אין טעאַטער "אַרטעף", שפּילט דאָרט פֿאַרשידענע צווייטראַנגיקע ראָלן און ווערט אַריינגעצויגן אין דער ניו-יאָרקער יידישער "באָהעמע". אין די אָוונטן פֿאַרברענגט ער מיט די דאָרטיקע טעאַטער-קינסטלערס, מוזיקערס, קאָמפּאָזיטאָרן, שרייבערס און פּאָעטן. דאָרטן טרעפֿט ער זיין באַשערטע, די 18-יאָריקע זינגערן, מאַניע. זיי פֿאַרליבן זיך און האָבן חתונה.

דאָס לעבן אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט איז געווען פֿאַר דעם פּאָרל ניט גרינג. די משפּחה פֿאַרגרעסערט זיך (עס ווערט געבוירן דאָס טעכטערל עלמיראַ) און טרעפֿט זיך אָן מיט דירה-שוועריקייטן. אין לאַנד וואַקסט די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע. אַרבעטלאָזיקייט, און צוזאַמען מיט דעם – די אויפֿבליצן פֿון אַנטיסעמיטיזם (אָפּט, צוליב דעם, זאָגט מען אָפּ שראַגינען פֿון דער אַרבעט), דער "אַרטעף"-טעאַטער ווערט פֿאַרמאַכט. ניט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן פֿאַרבלייבט יוסף אָפּטימיסטיש געשטימט. ווי פֿריער פֿאַרפֿאַסט ער לידער, באַגלייט זיי מיט זיין מוזיק און שפּילט זיי אויס אויף זיין מאַנדאָלינע.

אין 1943 פֿאָרן די שראַגינס אַריבער קיין לאָס-אַנדזשעלעס, יוסף ווערט אַריינגענומען אין דער סביבה פֿון עכטע יידישע קולטור-שאַפֿערס, צווישן וועלכע עס זענען אין יענער צייט געווען אַ ריי קאָמפּאָזיטאָרן (יעקב שייפֿער, אַלפֿרעד סענדריי. לעאָן מאַלאַמוט, דזשעק דינצער, מאָריס בראַודע, מאַקסים בראָדין א.אַ.) זיי סטימולירן י. שראַגינען זיך לערנען דעם נאָטן-שריפֿט און די עלעמענטאַרע קאָנטראַפּונקטאַ-כללים. ער קויפֿט אַ פּיאַנע און לערנט זיך אויס אָן זייטיקער הילף שפּילן.

אין גיכן ווערט פֿאַרוואַנדלט יוסף שראַגינס גאַסטפֿריינדלעכע שטוב אין אַן אָרט, וווּ עס טרעפֿן זיך פֿריינד און ליבהאָבערס פֿון יידישע געזאַנגען.

לויט די זכרונות פֿון זיין טאָכטער, עלמיראַ* איז יוסף שראַגין געווען אַ זייער קאָמפּליצירטער מענטש. זיינע פּערזענלעכע באַדערפֿעניש זענען געווען זייער באַגרענעצטע. זיין איינציקע רעליגיע, אין וועלכער ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אין געווען מוזיק און נגינה. ער איז געווען אַ זייער פֿילבאַרער, גאַסטפֿריינדלעכער מענטש, פֿלעגט העלפֿן יעדן איינעם, ווער עס האָט זיך געניייטיקט אין זיין הילף, באַזונדערס, פֿיל ליבשאַפֿט און זאָרג האָט ער אַרויסגעוויזן צו זיינע ניצל געוואָרענע קרובים. וועלכע ער האָט געפֿונען נאָך דער מלחמה.

---

* איך נוץ אויס די מעגלעכקייט צו באַדאַנקען י. שראַגינס טאָכטער, עלמיראַ גאָלדבערג, פֿאַר די צוגעשיקטע זייער אינטערעסאַנטע זכרונות-נאָטיצן, וואָס האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס געהאָלפֿן ביים שרייבן דעם ביאָגראַפֿישן טייל פֿון דעם עסיי.

מ.וו.

אויף זיין אייגענעם אופן האָט ער ליב געהאַט זיינע קינדער - עלמירען און דעם יינגערן זון מאַקסימען - און באַזונדערס, זיין לעבנס-באַגלייטערן, זיין אשת חיל, מאַניען. זי איז געווען די בויערן פון דער נעסט, די מאַמע און דערציערן פון די קינדער, זייער מלאך הגואל מכל רע און דער שליפּשטיין פון איר מאַנס געזאַנגען. מיט זיינע קרובים און פריינד פלעגט ער שטענדיק רעדן וועגן איר מיט גרויס ליבע און אָפּשיי. אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער געווען זייער איינגעהאַלטן און כמעט קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן זיינע ליבע־געפילן, ניט צו איר און ניט צו די קינדער. פון די פריסטע יאָרן האָבן זיי באַראַרפּט זיך לערנען מוזיק און נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין זיין שאַפן, באַזונדערס - עלמירא, וועלכע האָט פון קינדוויז אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן צו מוזיק און צו זינגען. איר חוב איז געווען איבערשרייבן אויף ריין די טראַנסליטעראַציע צו די נאָטן, און דער עקר, נעמען אַן אָנטייל אין די כאָרן און אין די קאָנצערטן, אויף וועלכע עס פלעגט איר (און אויך דעם יינגערן מאַקסימען) אויסקומען זיין די ערשטע אויספילערס פון דעם טאַטנס נייע לידער. ער פלעגט קומען אַ היים פון דער מאַליאַריי־אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטער און נאָכן באַשיידענעם אָונטברויט, אַוועקגיין אין זיין חדר המיוחד, און דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט שלייפן די אומרואיקע, רייסנדיקע זיך אין דרויסן מעלאָדיעס.

יוסף שראַגין האָט פאַרפאַסט מוזיק צו אַ גרויסער צאָל לידער. די רייפסטע פון זיי זענען אַריין אין דעם בוך "געזאַנגען" וואָס איז מיט דער הילף פון די לאָס אַנדזשעלעסער קאָמפּאָזיטאָרן און פילצאָליקע פריינד דערשינען אין 1972 ("געזאַנגען". יוסף שראַגין. מעטראָ מוזיק קאָמפּאַני. לאָס-אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. 1972, 332 זייטן פוןברייטן פאָרמאַט)

ג.

"אוריתא. בניגונא שכינתא בניגונאָ ישראל סלקין מגו גלותא בנגונאָ". "די תורה איז אין ניגון, די שכינה איז אין ניגון, די יידן וועלן ווערן אויסגעלייזט פון גלות מיטן ניגון". (אַ זוהר־זאָג)

ס'איז שטענדיק שווער צו באַשטימען, ווען און וואָס איז געווען דער "בראשית ברא" פון אַ קינסטלער. נאָר פאָרמעל קאָן מען אָנווייזן, אַז דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען זיין ערשט ווערק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ווירקלעך, אָבער, האָט זיך עס אָנגעהויבן אַ סך פריער. נאָך שווערער, כמעט אוממגעלעך, איז פעסט צו שטעלן דעם אָנהייב פון דעם שפּעדישן וועג פון איינגעבוירענע "זינגפויגלען" -פאָלקס-קינסטלערס, וועלכע האָבן "געזונגען" פון קינדוויז אָן. צו דעם מין קינסטלערס געהערט זיך אָן יוסף שראַגין. יאָרן לאַנג האָט דער צוקונפטדיקער קאָמפּאָזיטאָר געזאַמלט אין זיך פרעמדע און אייגענע ניגונים. זיי האָבן זיך געפילט אין י. שראַגינס שמאָל־ענגער ברוסט בהרחבותדיק - עס האָט געסטייעט אָרט אויף נאָך און נאָך, און אַלע אין איין קול: - ווען וועלן מיר דערהערן דיין אייגענעם ניגון?

און יוסף האָט זיין ערשטן ניגון און אויך די וויטערדיקע ניגונים געשפילט אויף זיין בידנער מאַנדאָלינע יעדן אָונט, שטענדיק, ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט. ער האָט אָבער ניט געוואָגט אַרויסגעבן דעם נאָמען פון זייער פאַרפאַסער. דער דערפאָלג פון זיינע ניגונים איז געווען תמיד אַ גרויסער. דער עולם האָט געפאָדערט אַ

צווייט און אַ דריט מאָל איבערשפּילן די ניגונים פון דעם אַנאָנימען נסתר־מחבר. און מיט אַ מאָל... איז דער פּראָפעסאָר באַוווּסט געוואָרן.

אָט, וויאַזוי שראָגינס טאָכטער באַשרייבט די ראָזיקע געשעעניש אין איר ענגלישן פאָרוואָרט צו דעם בוך "געזאַנגען":

"ער האָט דערמלט געאַרבעט אין טשיקאַגאָ, און איך מיט מיין מאַמען האָבן געלעבט אין ניו־יאָרק. איך האָב זייער געבענקט נאָך מיין טאַטן. צו מיין פינפטן געבורטס־טאָג האָט ער מיר צוגעשיקט אַ ספּעציעלע מתנה. דאָס איז געווען אַ ליד ("מיין קעצעלע" - מ.וו.). נאָר איך מיט מיין מאַמען זענען געווען ניט צופרידן: עס איז געווען ווי ניט פאַרענדיקט, ביז ער האָט ניט אָנגעשריבן די מעלאָדיע צו דעם. דאָס איז געווען זיין ערשט ליד".

דאָס ראָזיקע ליד איז געפעלן געוואָרן, און מבינים האָבן געראָטן דעם מחבר ערנסט זיך פאַרנעמען מיט קאָמפּאָזיציע. פון דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן יוסף שראָגינס שעפערישער וועג אין נגינה. דרייסיק יאָרן שווערע מי האָט אָפּגעגעבן דער קאָמפּאָזיטאָר זיין ליידנשאַפטלעכער מוזע. פאַר די ראָזיקע יאָרן האָט ער פאַרפאַסט הונדערטער לידער - ראָמאַנסן, נאָקטורנען, רועטן, ליבע־לידער, וויגלידער, מוזיק צו גרויסע פּאָעמעס, כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס און סתם "מעלאָדיעס אָן ווערטער". - וועלכע זענען נאָך ביי דעם לעבן פונעם קאָמפּאָזיטאָר אַריין אין די רעפּערטואַר־פּראָגראַמען פון כאָרן און קאָנצערטן פון באַרימטע מוזיקאַנטן און קאָנצערט־זינגערס. נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך "געזאַנגען" (1972). אויף דעם ראָזיקן בוך האָבן זיך אָפּגערופן מיט גוטע אָפּשאַצונגען פיל גרעזעלשאַפטלעכע טוערס, מוזיק־קריטיקערס און קאָמפּאָזיטאָרן פון פאַרשידענע שטעט און לענדער (סטעפּאַן נעלסאָן, קעי אָקמאַן, וואַשינגטאָן; כינעזישער קאָמפּאָזיטאָרן פאַרבאַנד, פּעקין; דער באַרימטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, זינאָווי קאָמפּאַניעיעץ, (מאָסקווע).

דאָס בוך אַנטהאַלט 60 לידער פאַר קאָנצערט־זינגער, און אַ צאָל כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס: 54 מוזיק־אָפּוסן אויף לידער פון באַרימטע יידישע פּאָעטן (אברהם רייזען, אשר שוואַרצמאַן. איציק מאַנגער, יוסף קערלער, לייב קוויטקאָ, משה טייף, שיקע דריז, אייזיק פּלאַטנער, חיים שוואַרץ, הירש גליק, מרדכי געבירטיק, בינעם העלער, דאָרע טייטלבוים, שרה באַרקאַן. זוסמאַן בונין א.אַ; - פון רוסישן פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ - יידיש בער גרין; פון וואָלט וויטמאַן, יידיש - אַ ליעסין) און אויך מוזיק פאַר 6 לידער אין דער ענגלישער שפּראַך.

די מוזיקאָלאָגן האָבן שוין פון לאַנג אָנגעוויזן אויף דער פאַראייניקונג פון פּאָעזיע און מוזיק, פון וואָרט און קלאַנג. דאָס וואָרט אין וואָקאַלער מוזיק שפּילט ביז גאָר אַ וויכטיקע ראָלע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער הנחה מוזן מיר באַטאָנען, אַז די לידער גופא, אויף וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשאַפן זיינע געזאַנגען (זייער וואָרט־טעקסט) צייכענען זיך אויס מיט וואַרעמער פּאָלקסטימלעכקייט, פּשוטן ווערטער־באַשטאַנד, צוגענגלעכע גראַמען; מיט פיל־קלינגעוודיקע ריטמען. און, דער עקר, מיט אויסערגעוויינלעכע, זינגעוודיקע טענער.

"נאָר פון טענער אַליין" - זאָגט י.ל. פּרץ - "איז נאָך קיין ניגון ניטאָ. אַ הויפן ציגל איז נאָך ניט קיין הויז, דאָס איז ערשט דער גוף פון אַ ניגון. ער דאַרף אַ נשמה. און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש: זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן, זיין לייטזעליקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, חרטה, צער - אַלץ, אַלץ וואָס אַ מענטש פילט,

קאָן ער אַרייַנגעבן אין דעם ניגון, און דער ניגון לעבט".

אָט די אַלע געפילן האָט יוסף שראַגין אַרייַנגעלייגט אין זיינע פילצאָליקע לידער.

*   *

*

ווען דעם בעל־שם־טוב ווערט דערציילט, אַז גייענדיק אין גאַס, האָט ער דעהערט אַ גוי זינגט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעהערט זיין געזאַנג ביזן סוף. די תלמידים זיינע, וועלכע זענען בייגעווען ביי דער דאָזיקער סצענע, האָבן אים געפרעגט, וואָס האָט ער געפונען אין דעם גויס זינגען, האָט דער בעש"ט געענטפערט: "אין אַ ניגון איז זיך אַ מענטש מתודה אויף זיין לעבן, און אַז אַ מענטש איז זיך מתודה, דאַרף מען אים אויסהערן".

טאָ לאָמיר אַ פּרווו טאָן אויסהערן וויאַזוי איז זיך מתודה אין זיינע געזאַנגען, אין זיינע ניגונים, יוסף שראַגין.

צום גליק, האָבן מיר די מעגלעכקייט ניט נאָר לייענען די לידער און די נאָטן, נאָר אין פולן זין פון וואָרט, זיי הערן. עס זענען פאַרבליבן אַ ריי פּלאַטן און קאַסעטן מיט געזאַנגען, אין דער אויספילונג פון פאַרשידענע זינגערס (בתוכם פון זיינע קינדער - עלמיראַן און מיקסימען) מיט דעם קאָמפּאָזיטאָרס פּערזענלעכער פּיאַנאָ־באַגלייטונג.

דאָס ערשטע וואָס מיר, ניט מוזיקערס, דערהערן אין זיינע געזאַנגען, איז קודם כל דעם וואַרעמען אָטעם פונעם פאָלקס־מעלאָס. לויט דער אינטאָנאַציע זענען זיינע זינגלידער נאָענט צו פאָלקלאָר. אין זיי האָט דער קאָמפּאָזיטאָר ניט נאָר פאַרהיט דעם עצם פון די דורותדיקע פאָלקס־ניגונים, ער האָט זיי באַנייט און אויפגעפרישט, און זיי האָבן באַקומען די פאַרב און דעם קלאַנג פון אונדזער דור. דאָס איז אייגנטלעך דער זין פון המשך: אי ווונדערלעך אַלט, אי זעלטן ניי, אי באַקאַנט און אי ערשט נאָר וואָס באַשאַפן געוואָרן. אין יוסף שראַגינס ניגונים פאַרגייט זיך דער קרעכץ און ס'קלינגט אויף דאָס געלעכטער, "העשעט דאָס געוויין און צעלייכט זיך די האָפענונג" און עס באַקומט זיך ניט סתם אַ גלגול פון אַ ניגון, נאָר אַ באַנייונג - אַ ניי געבוירענער געזאַנג.

י. שראַגינס לידער צייכנען זיך אויס מיט זייער עמאָציאָנעלער אויסדריקלעכקייט און סענסיטיוויקייט. זיי זענען אָבער פריי פון סענטימענטאַלקייט און פון שאַבלאָן. די מוזיק פון די לידער, וואָס טראָגן אַ שאַרפן סאָציאַלן כאַראַקטער, זענען אָנגעפילט מיט דראַמאַטישע אַקאָרדן, מיט איכה־געוויינען און דערשטיקטע געטאָ־געשרייען - מיט די תרועות ושברים פון אונדזער הייַנטצייטיקער, זינדיקער וועלט.

אין די ענגע גרענעצן פון אַ ליטעראַרישן עסיי איז אוממעגלעך מאַכן אַ גענויעם אַנאַליז פון אַלע לידער. ס'איז אָבער נייטיק זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע פון זיי, באַזונדערס אויף די, וועלכע אילוסטרירן די אויבן אָנגעוויזענע אייגנשאַפטן פון י. שראַגינס געזאַנגען.

צווישן די לעצטע טיילן זיך אויס די וויגלידער. ווי עס איז באַוווּסט געהערן די דאָזיקע לידער צו דעם עלטסטן זשאַנער פאָלקסלידער מיט זייער טראַדיציאָנעלן "באָבע - אַקאָמפּאַנימענט", וועלכער פאַרלייכטערט זיי צו פאַרגעדענקען. ווער, למשל, געדענקט נישט דאָס אוראַלטע פאָרלקס־לידעלע "אונטער... לעס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע". גראָד צוליב דער פּשטות און צוטריטלעכקייט פון דעם איינוויגנדיקן ניגון, איז עס פאַרבליבן אין זכר פון דורות. יוסף שראַגין איז אַוועק אויף אַ שווערערן וועג, ער ראַנגלט זיך מיט דעם שאַבלאָן און פירט אַריין אין הירש גליקס "וויגליד" ביז

גאָר אייגנאַרטיקע טענער. אין דעם דאָזיקן לידעלע (אין דער אויספילונג פון עלמיראַ גאָלדבערג) פירט אַריין דער קאָמפּאָזיטאָר צוגעפּאַסטע צו דער מאַמעס האָפענונגס-פולע ווערטער פריילעכע ריטמען (טעמפּאָ די וואַלסאָ לענטאָ) ד.ה. אין אַ טעמפּ פון אַ וואַלס. אָנשטאָט צו ווערן אַנטשלאָפן, רייסט זיך דאָס קינד אַרויס פון שויס: "אויב ס'איז מיר באַשערט זיין גרויס, פּאַסט מיר ניט צו ליגן". נאָר דעמאָלט ווען די מידע מאַמע און צוזאַמען מיטר איר, דער פאַרשייטער קאָמפּאָזיטאָר, פערעמט אַריין אין דעם געוועב פונעם ליד די טעמע פון די "צוויי ציגעלעך" און די מעלאָדיע ווערט צערטלעכער, און דער ריטם אַ פאַרצויגענער "קלעפּן זיך די אייגעלעך צו און איך ווער פאַרשוויגן". נאָך מער אייגנאַרטיק, עמאָציאָנעל און דורכדרינגלעך איז די מוזיק צו אהרון קראַמערס ענגליש וויגליד "לאָליביי (אויסגעפילט דורך דער באַוווסטער זינגערן עסטיל מאַרלאָ). די מעלאָדיע צויבערט מיט אירע רייכע פּאָליפאָנישע ניואַסן, מיט פאַרשידענע איבערצייגעוודיקע איבערגאַנגען פון פּאָרטאָ ביז פּיאַניססימאָ.

פון אַזאַ מין וויגלידער האָט ביז י. שראָגינען די יידישע מוזיק ניט געוווסט.

אויך אין די אַנדערע "פּאָלקס-לידער" פירט אַריין דער קאָמפּאָזיטאָר אייגנאַרטיקע מאָטיוון און ענדערונגען. אַלס מוסטער קאָן דינען דאָס ליד פון דעם סאָוועטיש-יידישן דיכטער לייב קוויטקאָ, "אַ חתן אָן אַ כלה" (זינגט עסטיל מאַרלאָ און אויך עלמיראַ גאָלדבערג). עס הייבט זיך אָן אין נוסח פון די "פריילעכס", וועלכע מען פלעגט זינגען אויף יידישע חתונות. עס הערן זיך מונטערע גלעקעלעך-קלאַנגען פון 4 שליטנס, וואָס פירן די מחותנים און דעם חתן מיט דער כלה צו דער חופה. די ערשטע נאַראַטיווע סטראָפע איז אָנגעפילט מיט פרייד און מיט רייצנדיקע קלאַנגען. אָבער שוין אין דער צווייטער - "אויפן צווייטן שליט" - און דערנאָך, אין די אַנדערע, רייסן זיך אַריין אַלץ מער און מער טרויעריקע און דראַמאַטישע טענער, אין וועג "פליט פאַרביי אַ רייטער" און "די כלה ווערט אויפגעפלאַמט ווי אַ פייער-שייטער" און די פרייד ווערט פאַרשווונדן. אויף איר אָרט קלינגט שוין אַן איראָניש וויי-געלעכטערל: "חתן לעב, אוי חתן לעב, אַז וויי צו דיינע יאָרן!" און די מעלאָדיע פאַרענדיקט זיך מיט דעם טיפּיש-יידישן "אוי, אוי אוי" וואָס נידערט אַראָפּ אין די פּיאַניססימאָ אָפּגרונטן און פאַרשווינדט.

אין י. שראָגינס מוזיקאַלישן שאַפן זענען פאַראַן זינגלידער, וועלכע ער האָט געשאַפן פאַר עסטראַדע-קינסטלער. אין זיי געפינען מיר אַ סינטעז פון פאָלק-טראַדיציע מיט נייעם, היינטצייטיקן טעאַטראַלן רעפּערטואַר; - פון יידישער און אַלגעמיינער, אוניווערסאַלער מוזיק - צוגעפּאַסט צו די וואָקאַלישע אייגנשאַפטן פון אינדיווידועלע מוזיק-אַרטיסטן.

צו זיי געהערן אַברהם רייזענס עלעגיע "דו פרעגסט מיך מיין פריינט"; ז. בונינס "נאָקטורן" און זיין ראָמאַנס, "לעבסט ווידער אויף" א.אַ. די דאָזיקע לידער זענען צוגעפּאַסט צו די לירישע אַלט-שטימעס פון עסטעל מאַרלאָ און עלמיראַ גאָלדבערג, וועלכע פילן אויס די דאָזיקע לידער אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דעם קאָמפּאָזיטער גופא. דאָ איז כדי אויך צו באַמערקן. אַז י. שראָגינס פּיאַנאָ-פּאַרטיע איז ניט נאָר אַקאָמפּאַנימענט. זיין פּיאַנאָ-באַגלייטונג איז שטענדיק אָרגאַניש צונויפגעגאָסן מיט דעם וואָקאַלן טייל פון זיינע ראָמאַנסן און אַנדערע עסטראַדע-לידער. זיי זענען פאַרפּאַסט אַזוי, אַז זיי פאַרגרינגערן דעם זינגערס שטימע פּינקטלעך אויספילן אַלע

אינטאָנאַציעס פונעם געשאַפענעמע ליד. באַנאַנד מיט דעם איז די פאַקטור פונעם אַקאָמפּאַנימענט אַ פילקלאַנגיקע און אַ פילפאַרביקע.

פון אַ באַזונדערן הויכן ווערט זענען י. שראַגינס גרעסערע דראַמאַטישע ווערק וועלכע טראָגן אַ שאַרפן סאָציאַלן כאַראַקטער. צו זיי געהערן די לידער, וואָס זענען אינטים פאַרבונדן מיט דער אומגעהויערער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק בימי היטלער ימח שמו וזכרו. אין בוך "געזאַנגען" געפינען מיר נאָר 3 פון זיי: מרדכי געבירטיקס "געטאָ", פאָלטשאַנקעיטעס "שיך", און יעווגעני יעווטושענקאָס "באַבי יאַר" (יידיש - בער גרין).

די ראַזיקע דריי לידער באַצייכענען אַ נייעם עטאַפּ אין יוסף שראַגינס שאַפונג. אין זיי וויקלט זיך פונאַנדער די מגילה פון אונדזער פאָלקס יסורים. עס פילט זיך, אַז די מוזיק צו די ווערטער איז אַ טייל פון זיין גוף און פון זיין פיינפולער נשמה. דאָס איז אַ פאַרשפעטיקטער רעקוויעם און קדיש נאָך די 6 מיליאָנען, און בתוכם נאָך דעם מנין לייבלעכע (טאַטע, מאַמע און 8 שוועסטער און ברידער), שנהרגו ונחנקו על קדוש השם.

די מוזיק צו מרדכי געבירטיקס פאָעמע "געטאָ" ("אַדאַנטע עקספּרעסיוואָ") איז איין גרויסער האַרץ־רייסנדיקער איכה אויסגעשריי, אויסגעדריקט אין געוויטער־קלאַנגען: ...עס הוידען זיך צווייגן, עס שורשען בלעטער, עס פייפט אַ ווינט, עס קוויטשען זעגן, זיי שניידן זיך אַריין אין די לייבער פון ביימער, און ביימער קראַכן, און ביימער פאַלן. און אַ געוויין פון קינדער. אַ רעש, אַ געפילדער... און... שאַ... שטיל.

אויך די מוזיק צום ליד "שיך" (אין דער אויספילונג פון עסטעל מאַרלאַ) דערשיטערט. פון די אומרואיקע פּיאַנאָ־קלאַווישן רייסן זיך אַרויס אָפּגעהאַקטע טענער - דער אַריטמישער מאַרש פון קינדערשע באָרוועסע פיס - /"פיס האָבן ביז אָנמאַכט געוואַנדערט, / ביז אויוונס אין אַש זיי פאַרוואַנדלט" / - און אַ יאָמערדיק געוויין. עס דאַכט זיך אַז דאָס וויינט דער ים. עס לויפן און טראָגן זיך הויכע כוואַליעס, זיי טראָגן זיך ביז צום ברעג, דערנאָך צוריק - צעשפליטערטע אין די שטיינער גיסן זיי זיך ווידער צונויף אין הויכע וואַסער־בערג; מאַכט בייט זיך מיט אָנמאַכט, עליות און ירידות, און ווידער טריט, טריט, טריט... צו גיין לאַנגע וועגן, / אי לינגזאַם, אי גיך - / אַ באַרג פון שיך, / אַ באַרג פון שיך"/.

די בולטסטע יצירה פון י. שראַגינס שאַפונג איז די מוזיק צו דער פאָעמע "באַבי יאַר", וואָס ס'האָט פאַרפאַסט דער רוסישער פאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ. דער נאָמען "באַבי יאַר" איז באַוווסט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. מעמאָריאַלן פונעם "באַבי יאַר" זענען פאַראַן סיי אין דענווער, סיי אין ירושלים. די ראַזיקע פאָעמע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף צענדליקער שפּראַכן. דער פאָעט האָט זי פאַרטראַכט ווי אַ פיינלעכן על חטא, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט געזינדיקט מיט זיין גלייכגילט און פאַרשווייגן דעם יידישן גענאָציד. דער ערשטער מוזיקער, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אויף דער ראַזיקער פאָעמע איז געווען דער געניאַלער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש. ער האָט זי אויסגענוצט אין זיין 13־טער סימפאָניע (1962), וואָס איז צוליב דער לאַנגדויערנדיקער אַנטיסעמיטישער העצע אין ראַטנפאַרבאַנד געווען פאַרבאָטן. צום ערשטן מאָל איז זי אויסגעפילט געוואָרן אין כאַרקאָוו בלויז אין 1989. י. שראַגין האָט זיין "באַבי יאַר" פאַרעפנטלכעט אַ סך פריער, און ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז זיין מוזיקאַלישע ווערסיע איז פאַר דעם יידישן האַרץ אַ סך נעענטער, ווי

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס אינטערפּרעטאַציע, הגם די לעצטע שטייט אויף אַ העכערן קינסטלערישן ניוואָ.

יוסף שראַגינס מוזיק פון דער ראַזיקער פּאָעמע באַשטייט פון צוויי טיילן: פון דער ענגלישער רעציטאַציע און פון דעם יידישן זינגען. ביידע טיילן פּילט אויס דער זינגער סעמיועל קעללעמער. די מוזיק, וואָס גיסט זיך נוצויף מיט די ווערטער פון דער פּאָעמע און מיט דער אויסדרוקפולער שטימע פונעם דראַמאַטישן באַריטאָן, מאַכט אויף דעם צוהערער אַ געוואַלדיקן רושם. דאָס איז ניט נאָר אַן "על־חטא" ודוי, דאָס איז אַ סינטעז פון נתנה תוקף – פון דעם "מי במים ומי באש" – מיט דער כל נידרי – "אַפּאַסיאָנאַטאַ":

– אין צוויי שטימען נעמט ריידן די פּיאַנאָ. איינע – פול מיט קראַפט, די צווייטע – פול מיט ציטעריקער שוואַכקייט. און איבער דעם אַלעמען וואַקסט אַן אַ געוויטער. מען הערט ממש, ווי ווינטן טראָגן זיך מיט געוויִי איבער דער ערד, זיי רייסן גראָזן, בייגן דיביימער און אַלץ שרייט: /"איבער באַבי יאַר זענען קיין מצבות ניטאָ! / ..."ס'איז מיר שרעקלעך" / ..."מען גייט אַהער? / ס'איז דער ווינט, / אָ, הער נאָר, הער" /...

די פּיאַנאָ גיט בולט איבער, ווי דורך דעם שטורעם דערטראָגן זיך שטילע טרערן – דאָס ציטערט עפּעס אַ לעבעדיקס פּאַר שרעק און פּאַר שווידער. עס שרייט: "איך קאָן ניט מערן" און ס'הערט זיך ווי אַ קרעכץ, וואָס קומט פון פולער אויסשעפּונג: /"און איך אַליין / איין וויי־געשריי אָן קלאַנגען / ... איך בין דאָ יעדער זקן צעשאָסענער. / איך בין דאָ, יעדער צעשאָסן קינד". / נאָר איבער דעם אַלעמען קלינגט אַ צווייטע שטים: "שטיי אויף! ביסט נישט געשטאָרבן! ..."קיין יידיש בלוט פליסט ניט אין מיין בלוט / נאָר מיט שנאה טעמפּער – און דאָס איז מיין זכות / – פאַרהאַסט בין איך ביי יעדן אַנטיסעמיט, / פּונקט ווי אַ ייד, און דערפאַר בין איך אַן עכטער רוס". / דערנאָך נידערט אַראָפּ אויף דער ערד אַ שטילקייט – דער שטורעם בושעוועט נאָך, נאָר ווייט, ווייט. ער פאַרגייט זיך און... פאַרשווייגט.

מיט דעם וואָלט אפשר געווען ריכטיק פאַרענדיקן אונדזער קורצן איבערזיכט וועגן יוסף שראַגינס "געזאַנגען". עס ווילט זיך אָבער פאַרענדיקן מיט אַ פרייליכער נאָטע – מיט איינעם פון זיינע לעצטע זינגלידער, וואָס ער האָט געווידמעט דעם יידישן לאַנד און דעם יידישן פאָלק – "עם ישראל חי". דאָס ליד איז פול מיט פרייד, מיט טריומפירנדיקע טענער. עס רופט און הילכט: "יידן, יידן, האָט בטחון / אין די אויגן טאַנצן טרערן / – אונדזער פאָלק וועט זיך מערן! / עם ישראל חי, עם ישראל חי... /

* *
*

אַזוי האָט יוסף שראַגין פאַרווירקלעכט זיין לעבנס־טרוים. ער האָט געהאַט די פולע רעכט זיך פרייען מיט די רעזולטאַטן פון זיין לאַנגיאָריקער גרויסער און שווערער מי, און אויך מיט דער אָנערקענונג וועלכע איז געקומען צו אים פון זיינע פעך־חברים. אָבער ס'איז אים ניט געווען באַשערט. דעם 18 מיי, 1974 איז יוסף שראַגין געשטאָרבן.

זיינע געזאַנגען זענען פאַרבליבן אין דעם צרור חיים פון דער יידישער מוזיק. ביז היינט זענען זיי טייער פאַר אונדז. אויף אייביק וועלן זיי פאַרבלייבן אין זכרון פון דעם יידישן פאָלק.

ד"ר אַרנאָלד אײדזשעס / טאָראָנטאָ

# דעם פּאָעטס עלאָקווענץ שפּאַנט איבער שפּראַכן־באַריערעס

שמחה סימכאָוויטש איז אַ ייִדישער געלערנטער, נאָוועליסט און פּאָעט וועמענס נײַע לידער־זאַמלונג, "אַ ליד וועט פאַרבלײַבן" (טאָראָנטאָ, 1996) וועט צום ערשטן מאָל דערמעגלעכן דעם ענגלישן לייענער צו פילן און באַנעמען דעם ייִדישן ריטעם און וואָרט־אימאַזש, וואָס האָט באַלעבט זײַן פּאָעטישע וויזיע אין דרײַ פאַרשידענע וועלטן - פּוילן פון פאַרן חורבן, די מלחמה־יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און די הײַנצײַטיקע קאַנאַדע.

אין זײַן נײַער לידער־זאַמלונג האָט סימכאָוויטש פּרעזענטירט אַן אויסוואַל פון זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען אין ייִדיש אין אַן ענגלישן לבוש; טײַלווײַז איבערגעזעצט דורך אַנדערע, מערסטנס, דורך אים אַליין. אַזוי אַרום קאָן מען זאָגן, אַז סימכאָוויטש האָט באַוויזן דאָס וואָס זייער ווייניק ריכטער קאָנען טאָן - אַריבערגיסן אַ גרויסן טייל פון זײַנע לידער און פּאָעמעס פון אייגענעם לשון אין אַ נײַער שפּראַך־כלי. אמת, אין ישראל איז פאַראַן אַ קליינע צאָל פּאָעטן, וואָס האָבן באַוויזן אַריבערצוטרעטן די בריק פון ייִדיש צו עברית, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ ייִדיש־טראַדיציאָנעלן יסוד, וואָס האָט פאַרגרינגערט דעם אָ איבערגעגאַנג. דער באַרימטער שרײַבער קאָנראַד האָט מצליח געווען איבערצוגיין פון פּויליש אויף ענגליש, אָבער ער האָט עס געטאָן אין פּראָזע, נישט אין פּאָעזיע. דער פּאָעט, וואָס וויל דאָס דערגרייכן, מוז דערלערנען נישט בלויז דעם וואָקאַבולאַר, נאָר אויך די מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן פון דער נײַער שפּראַך.

אין די הונדערט און ניין און פופציק לידער פון זײַן איצטיקער זאַמלונג האָט סימכאָוויטש באַוויזן. אַז ער איז ביכולת איבערצוגיסן סובטילע שטימונגען, דערמאָנונגען און וויזיעס פון פאַרן, און נאָכן חורבן אין רירנדיקן און לירישן ענגלישן ריטעם. ווי איינער פון די געצײלטע פאַרבליבענע ייִדן פון דעם באַקאַנטן קוראָרט אָטוואָצק, פאַראייביקט סימכאָוויטש אין זײַנע לידער די פשטות, ערלעכע פרומקייט און מענטשלעכקייט פון די ייִדן פון אָט דער שטאָט. ניט פאַראַן ביי סימכאָוויטשן קיין שמץ פון צוקער־זיסן סענטימענטאַליזם בעת ער פאַרצייכנט אין ליד נאָך ליד זײַן פּאָעטישע גבית־עדות וועגן לעבנס וואָס האָבן געבליט און זענען גרויזאַם פאַרלאָשן געוואָרן:

"געסלעך מײַנע, וועלכער שטן און מכשף
האָט פאַרומרייניט אייך אין גרויל אין וויסטן,
אין רויך און אַש אייך פאַרוואַנדלט,
מיט וואָרצל פון דער היימערד אויסגעריסן?"

סימכאָוויטשעס רעקאָנסטרוקציע פון לעבן פון די צוועלף טויזנט אײַנוווינער פון אָטוואָצק איז נישט איין־דימענסיאָנעל. ער שרײַבט וועגן יונגער ליבע, יוגנט־חברים, רעבעלן און פּאַרטיזאַנער. דעם טראַגישן פינאַל פון אָט דעם אויפגעלעבטן מענטשן־קאַליידאָסקאָפּ סומירט סימכאָוויטש אין בולטע סטראָפן:

"איצט אָפּגעזונקט זײַנען אַלע שטעטלעך
ביים ברעג פון ווייסל־לאַנד
און איך בין איינער
פון אַ גאַנצער ייִדן־שטאָט,

אַ קריש־זאָגער
פאַר צוועלף טויזנט קדושים".

סימכאָוויטש האָט אַ טייל פון די מלחמה־יאָרן געלעבט אין שטעטל ספּאַסק, צענטראַל־רוסלאַנד, ביים אָקע־טייך. ער איז אַנטלאָפן אַהין אַ געיאָגטער פון "אַ ים פון שינאה" אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן און געפונען אַ מקום־מיקלט אין דעם פּאַרוואָרפענעם רוסישן אָרט. דאָרט האָט ער נישט בלויז געראַטעוועט זיין לעבן, נאָר אויך אויפגעהאַלטן זיין מענטשן־ווערדע. אין אַ ריי פּאָעמעס דאַנקט ער און לויבט די פּשוטע רוסישע מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער מיטהילף און מיטלייד אים געהאָלפן אויפהאַלטן דעם גלויבן אין מענטש.

סימכאָוויטש, ווי זיין יידישער נאָמען זאָגט אָן, האָט מיט זיין קומען קיין קאַנאַדע מיט איבער פערציק יאָר צוריק צוריקגעוווּנען זיין גלייכגעוויכט און לעבנספרייד. אין דער מערהייט לידער פון אָט דעם אָפּטייל פּרעזענטירט ער דעם לייענער אַ קאָלירפולן מאָנטאַזש פון אימפּרעסיעס וועגן קאַנאַדע און אירע אייגנטימלעכקייטן: טאָראָנטאָ - די מעטראָפּאָליע, האַרבאָרפראָנט און אָנטעריאָ־פּלייס - די פאַרוויילונגס־פּלעצער ביים ברעג פון דער אָנטעריאָ־אָזיערע און פיל אַנדערע טיפּיש קאַנאַדער ערטער. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז סימכאָוויטשעס פרייד און ענטוזיאַזם זענען אַלע מאָל געמינערט דורך זיינע זכרונות און דערמאָנונגען. די מינדסטע רעגונג קאָן אַרויסרופן ביי אים אַסאָציאַציעס און בילדער פון דער אַמאָליקער טראַגישער צייט. ביי דעם אַלעם איז זיין פּאָעטישע וויזיע פון קאַנאַדע בעיקר אַ פריידיקע. ער באַוווּנדערט די רייכקייט און שפע פון קאַנאַדע, איר עטנישע פאַרשיידנאַרטיקייט און דעם פרייען געמיש פון לשונות. סימכאָוויטש יום־טובט מיט זיין נייער היימשטאָט און זינגט וועגן איר מיט צערטלעכקייט:

"טאָראָנטאָ -
גרויסדאָרף, מעטראָפּאָליע,
נאָענט און אייגן ביסטו מיר געוואָרן
מיט דיינע מויערן, ראַשיקע און שטילע גאַסן,
לאַנגע ווינטערן און זון צעשיינטע האַרבסטן".

אין דער זעלבער צייט פאַרגעסט אָבער נישט דער דיכטער צו דערציילן וועגן די אָרעמקייט־טיילן פון דער שטאָט, אָדער וועגן דעם נאַכט־ספּעקטאַקל פון צענטערשטאָט גאַסן, ווו יונגע טעכטער זענען גרייט צו פאַרקויפן זייערע לייבער צו איערן דורכגייער, אָדער אינעם ליד אין וועלכן ער שילדערט שטיינהאַרציקע אָנקוקערס וואָס רופן אַ פאַרצווייפלטן מאַן ער זאָל שפּרינגען פון אָפענעם פענצטער צו זיין טויט. סימכאָוויטש דערציילט וועגן יוגנטלעכע, וואָס דרייען זיך אַרום אָן אַ ציל אין פראָנט פון סאָדע וואַסער געוועלבלעך און אין פּלאַזאַס, אָדער וועגן הילפלאָזע יונגע בעטלערס אין גאַסן פון צענטערשטאָט.

אָבער דאָך, נישט געקוקט דערויף, לאָזט אונדז דער פּאָעט, נאָכן לייענען זיין בוך אַ ליד וועט פאַרבלייבן, מיט אַ וואַרעם געפיל פון רחמים און לייטזעליקייט. צוזאַמען מיט אים גריסן מיר די זון וואָס "שיקט איר ווילטויאיקע וואַרעמקייט / רונדאַרום, אָן קוועקלניש", און מיט אים רייסן מיר זיך אַרויף צו, אין די פריי הימלישע ספערעס גרינג "ווי אַ פלאַטערל אין פרילינג צייט".

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## די חידה

אַרום מיר דער אייביקער ווונדער - -
הימל און ערד און בעל־חי;
גורלות פון מענטשן־קינדער,
וואָס וועלקן און בליִען אויף ס׳ניי.

געראַנגל און לוסט און באַדויער
און טרוימען פון ווייטן דערגרייך;
און צער, עלנט און טרויער -
אַ חידה, וואָס האָט נישט אירס גליך.

און איך, דער זינגער, זע אַלץ
און שלאָג אינעם שטיין פון דער וואָר,
ווי משה, וואָס האָט פון די סקאַלעס
געשלאָגן אַ קוואַל, ריין און קלאָר.

יאַנ. 1992

## פאַרבליבענע

צעריסענע, צעשטויבטע רעשטלעך
פון אַ פאָלק אַ גאַנצס, אַ שפרודלדיקס
מיט לעבן, מי און מיט געזאַנג,
פון שטורעמווינט צעזייט, צעשפליטערט,
פון האַס־בראַנדן געבייטשט, געברענט,
פון טאָל פון הויט־און־ביינער
אויפגעשטאַנענע,
מיט האָב־און־גוטס קריק באַוואַקסענע,
מיט קינד און קינדס־קינדער באַשאָנקענע
זעען זיי, אין בין־השמשות פון פאַרגיי,
ווי ס׳גייען אויף די קערנער פון זייער
פאַרזיי.

מאַי 1995.

## אַ גרייטער

שוין אויסגעניגונט אַלע ניגונים
פון נשמה־קוואַל, דעם טיפן ברונעם,

אין לעצטע טעג פון חסד און פאַרגעבן
פאַר שטרויכל־טואונגען אין גאַנג פון
לעבן.

סע זאָל די נאַכט טרעפן דיך אַ גרייטער
ווי ניי־געבוירן ריין, אין געלייטער.

זאָלסט קאָנען רואיק גוף־און־זעל
אומקערן
צום האַר פון טויט און פון געבערן.

מאַי 1995

## אַ שאָד

ליבטיקע, איינציקע ערד,
וואָס אויף איר איז מיר באַשערט

אַרומגייִן, באַוווּנדערן, קוקן,
לויבן, זיך פרייען און קוויקן

מיט ליד־געזאַנג און מיט לעבן.
אַ שאָד דאָס אַלץ אויפצוגעבן,

ווען פלוצעם די שעה וועט שלאָגן.
טאָ גיי ביזוואַן סע טראָגן

פיס דיך אויף גאַסן און שטראָזן.
אַ שאָד דאָס אַלץ צו פאַרלאָזן.

מערץ 1991

## די זון האָט אויפגעשיינט

די זון האָט אויפגעשיינט און צעהעלט
די נאַסע, נעפלדיקע וועלט

און ס׳האָט דער טאָג זיך צעפעבערט
מיט ליכטשיין רעגנבויגנדיק,
אויף דעבער

און ביימער־שפיצן האָבן פייגל זיך
צעטרילט
און מיין האַרץ האָט מיטגעשפילט

און געלאַשטשעט זיך אין זון מילדער,
אין מיטן פון דער שטאָטס געפילדער.

אפריל 1991

בנימין לובעלסקי / ירושלים

# אויף אַ יידישן בית־עולם אין סאַהאַראַ*

מיר פלעגן גיין אויף פאַרשיידענע אַרבעטן. דאָס מאָל זענען מיר, אַ גרופּע יידישע אינטערנירטע, גערופן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער אַרבעט אויסערן לאַגער - ברענגען צו קבורה שפּילגאַרנען, אַ פאַרשטאָרבענעם אינטערנירטן, אויפן יידישן בית־עולם...

שפּילגאַרן האָט אונדז ניט ליב געהאַט. מיר זענען פאַר אים געווען ניט קולטורעל, ווילד, ווייס איך וואָס - פּוילישע יידן. ער, שפּילגאַרן, איז געווען אַ דייטשישער ייד. געקוקט אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ, געהאַט צו אונדז אַ וועלט מיט טענות. איין גאָט ווייסט, אַז מיר זענען גאָרניט שולדיק געווען אין דעם וואָס ער האָט זיך געפונען מיט אונדז אין איין לאַגער.

אין דייטשלאַנד איז שפּילגאַרן געווען אַ בכבודיקער בירגער. אין קאַסעל האָט ער געהאַט אַ גרויסן פאָטאָגראַפישן געשעפט, געאַרבעט, געלעבט בהרחבה. מיט קליינע העלע וואָנצעס, שיין פאַרקעמט, מיט אַ דיקן סיגנעט אויפן קליינעם פינגער, מיט אַ גאָלדענעם זייגער, מיט אַ שטעקן מיט אַ ביינערנעם הענטל, אַלע סימנים פון סטאַטעטשנעקייט, האָט שפּילגאַרן זיך געדרייט איבער די קאַסעלער גאַסן האָפערדיק און זיכער.

אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט איין מאָל - ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

שפּילגאַרן איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין פאַריז. צי האָט ער אין דייטשלאַנד איבערגעלאָזט אַ פרוי, קינדער? כ'ווייס ניט. כ'האָב ניט געפרעגט. עפּעס האָט ער דאָך באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך, אַזוי אַז אויך אין פאַריז האָט ער גיך געקענט זיך פאַרשאַפן אַ פאָטאָגראַפישן געשעפט. לויט זיין השגה האָט אַלץ ווידער געדראַפּט "קלאַפּן" ווי אַ מאָל אין דייטשלאַנד. פאַר וואָס ניט? אָבער עפּעס האָט זיך אין צווישן געענדערט, עפּעס אַזוינס, וואָס שפּילגאַרן האָט ניט פאָרויסגעזען - היטלער האָט אָנגעהויבן דעם צווייטן וועלטקריג.

ווי יעדער אויסלענדער האָט זיך שפּילגאַרן געמוזט מעלדן צו די "מאַרש באַטאַליאָנען". ווי אַ געוועזענער דייטשישער בירגער איז ער אויפגעשוומען אין פרעמדן־לעגיאָן. דאָרט איז יעדער איינער גוט געווען.

– איר זענט געקומען שטאַרבן! – האָט אַ מאָל פאַטעטיש אויסגערופן דער מאַרשאַל ליאָטי צו די פאַרזאַמלטע לעגיאָנערן.

אָבער שפּילגאַרנען איז, ווייזט אויס, דאָרטן אויך ניט געפעלן געוואָרן. אין יאָר 1940 איז ער אויפגעשוומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בערואַגיאַ, אין צפון־אַפריקע, אַלזשיר, פון דאָרטן איז ער געקומען מיט אַ קליינער גרופּע צו אונדז, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דזשעלפאַ.

אין אונדזער לאַגער האָבן זיך געפונען שפּאַניער־רעפּובליקאַנער, מיר אַ גרעסערע גרופּע פון די אינטערבריגאַדיסטן - פּאָליאַקן, טשעכן, דייטשן, אונגאַרן, רומענער און, פאַרשטייט זיך, יידן. סוף 1941 האָבן די פראַנצויזן ניט געוווסט מיט וואָס די אַלע מענטשן שמעקן און איבערטראַנספּאָרטירט זיי קיין צפון־אַפריקע.

---

*פראַגמענט פונעם בוך "אויף גאָטס באַראָט", דערשינען פאַריקן יאָר אין ה. לייוויק־פאַרלאַג.

האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט די פֿאַרשיידנסטע געשטאַלטן - ווער אין אַ שינעל, ווער אין אַ זשאַקעט, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ פּאַסיק אָדער אַ שטריק, אין אַ בערעט, אין אַ היטל אָדער אין אַזוינס, וואָס איז ניט געווען קיין בערעט און ניט קיין היטל, אַבי צו זיין געשיצט פֿון זאַמד און זון.

שפּילגאַרן האָט געוווינט אין איינעם פֿון די צוויי געמויערטע באַראַקן, וואָס זענען געשטאַנען אין אייבערשטן טייל לאַגער, דעם אַזוי גערופֿענעם יידישן, "ברענערס" באַראַק. ברענער איז געווען אַן אַדוואָקאַט פֿון ווין. ער האָט אומעטום אונטערגעשטראָכן זיין פֿינטעלע ייד. דאָס איז שפּילגאַרנען ניט געפֿעלן געוואָרן און ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פֿון אים. אַ ביסל נעענטער, אָבער ווייט ניט גוט־ברודעריש, איז ער געווען מיט סורקעסן און שילדקרויטן, מיט וועלכע ער האָט געדינט אין פֿרעמדן־לעגיאָן.

- אַ שווערער מענטש, - האָבן סורקעס און שילדקרויט געהויבן די אַקסלען. ער איז תּמיד געווען פֿאַרקרימט, פֿאַרזאָרגט. צו די צרות האָט די פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך פֿאַרבונדן אין פּאַריז, ביי אים צוגענומען דעם פֿאָטאָגראַפֿישן געשעפֿט, דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, ניט געלאָזט הערן פֿון זיך, ניט געוואָלט הערן פֿון אים.

עס זענען פֿאַראַן מאָמענטן און ערטער וווּ מען קען ניט זיין אַליין, מען טאָר ניט זיין אַליין. צוזאַמען העלפֿט מען זיך אַרויס, מען טראָגט לייכטער אַריבער די שוועריקייטן. אַ גרויסער פּראָצענט פֿון די אינטערנירטע אין די לאַגערן האָבן אויסגעהאַלטן נאָר אַ דאַנק דער סאָלידאַריטעט. שפּילגאַרן האָט דערפֿון ניט געוווּסט אָדער ניט געוואָלט וויסן און דערפֿאַר באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז. ער איז קראַנק געוואָרן אויף געלזוכט. אַ סך פֿון אונדז האָבן דורכגעמאַכט די דאָזיקע קראַנקייט. חברים האָבן געהאָלפֿן ווי זיי האָבן נאָר געקענט. קודם־כּל האָט מען די קראַנקע אַריבערגעפֿירט אין דער ענפֿערמעריאַ, אַזאַ פּראָוויזאָרישער שפּיטאָל. קיין געבראָטענע טייבעלעך האָט מען דאָרט ניט געגעסן, אָבער מען האָט געקענט בלייבן אין בעט, ניט געמוזט אויפֿשטיין צום ראַפּאָרט 7 אַ זייגער אין דער פֿרי, גיין אויף אַרבעט. דאָס מאָגערע עסן האָט מען באַקומען צום בעט, ניט געמוזט וואַרטן אין דער ריי מיט דער מענאַזשקע אין האַנט. חברים פֿלעגן קומען כאַפּן אַ שמועס. קיין דייטשישער לאַגער איז עס ניט געווען! ווען מען פֿלעגט נאָך אַ פּאָר טעג ליגן פֿון דאָרטן אויסשרייבן, פֿלעגן די חבירים ברענגען אַ פּאָר מאָל אין טאָג וואַרעמע טיי. דאָס איז געווען אַ טיי פֿון צוגעברוינטע און צעשטויסענע טייטלען־קערנער. מיט אַ ביסל צוקער האָט מען עס געקענט טרינקען.

אויך שפּילגאַרן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער ענפֿערמעריאַ. פֿון איין זייט פֿון זיין בעט איז געלעגן גאָרדל, אַ קליין יידל פֿון פּאַריזער בעלוויל, פֿון פּלעצל. גאָרדל האָט אין זיין לעבן מסתּמא אַלץ געטאָן: געווען אַ שניידער, אַ קוכער, אַ הענדלער, געטאָן אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט ניט גערעדט. גאָרדל איז געווען אַ דרייער, אַ כּל־בוניק, אַ לעבעדיקער חברה־מאַן, ניט ליב געהאַט קיין "וויטישע" שטיק - אַ פּראָסטער טאַפּ לאָקשן. פּאָליטיק איז אים ניט אָנגעגאַנגען. אָבער מיר, יידישע חברה פֿון דער אינטערבריגאַדע, זענען פֿאַר אים געווען "אייגענע יינגלעך". אויך מיט שפּילגאַרנען האָט ער געפּרוּווט שמועסן (ער איז ניט געווען פֿון די, וואָס שמועסן ניט!) אָבער צום שמועסן מוזן זיין צוויי, און דער צווייטער, שפּילגאַרן, האָט בפירוש אויסגעפֿעלט.

פֿון דער צווייטער זייט איז געלעגן דער "אייזן־קעניג" בערמאַן, אַ ליטווישער ייד, אַ ייד אַ גיבור, מיט אַ טאָרס פֿון אַן אָראַנג־אוטאַנג. אויף די פּאַריזער בולוואַרן פֿלעגט

ער באַווייזן שטיק: געבויגן אייזערנע שטאַנגען, געריסן קייטן און דערביי גערעדט, גערעדט צו פּאַראינטערעסירן די פראַנצייזישע פּאַרגאַפטע צוקוקערס, גערעדט אַ מין "ליטווישן" פראַנצייזיש, וועלכן בלויז אַן עכטער ליטוואַק האָט געקענט פאַרשטיין...

צווישן בערמאַנען און שפּיגלאַרנען זענען בכלל ניט געווען קיין באַציונגען. בערמאַן האָט געהאַלטן, אַז שפּילגאַרן "סטינקט" פון גאווה, און שפּילגאַרן האָט געהאַלטן, אַז בערמאַן שטינקט בכלל.

צו שפּילגאַרנען זענען געקומען אונדזערע אייגענע חברים דאָקטוירים, געפּרוווט עצהנען, העלפן. ס'איז אָבער געווען שווער מיט אים זיך צו דעררעדן. וואָס שייך דיעטע, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן זייער ווייניק דיסציפּלינירט. איין מאָל האָט ער פאַר זיין געלט זיך געלאָזט קאָכן אַ ריזיקן טאָפּ מיט עסן גאָרניט צוגעפּאַסט פאַר זיין געזונט, און געשלונגען פאַרכליניענדיק זיך. שוין ביים עסן איז אים שלעכט געוואָרן. אַוועקגעבן וועמען דאָס עסן האָט ער ניט געוואָלט, אויפהערן עסן האָט ער ניט געקענט. די קראַנקייט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ בליץ שנעלן טעמפּאָ.

און ממש צו שטוינען, גראָד ביי אַ קראַנקייט, וואָס האָט ביז איצט ניט פאַרשלונגען קיין קרבנות, איז שפּילגאַרן אַריבערגעפירט געוואָרן אין שטעטלשן שפּיטאָל צוליב זיין קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן זיין טויט.

אין לאַגער זענען געווען, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, פאַרשיידענע אַרבעטן. געווען אויך אַרבעטן אויסערן לאַגער. צו די דאָזיקע אַרבעטן זענען מיר גערן געגאַנגען. ווייט פון לאַגער פלעגט זיך צו אונדז אָפט צושאַרן אַן אַראַבער און פאַר אַ פּאָר הויזן, אַ העמד, ווי אָפּגעטראָגן זיי זענען ניט געווען, פלעגט מען באַקומען ברויט, רייז, אייל אָדער פלייש. מיר האָבן געקענט זיך אָנעסן צו דער זעט און נאָך מיטנעמען פאַר די חברים אין לאַגער. אמת, ביים צוריקקומען פלעגט אונדז די וואַך ווידער אונטערזוכן, ווי ביים אַרויסגיין, אָבער נישקשה, אונטער די קני, אונטער דער נאָגאַוויצע איז דער וואַך ניט איינגעפאַלן צו זוכן...

אין מערב־זייט פון לאַגער, אויפן באַרג, איז געלעגן דער מוסולמענישער בית־הקברות. מיר האָבן אויף אים געקוקט יעדן טאָג, מחמת ער איז געווען נאָענט, פאַר די אויגן, און ס'איז ניט מעגלעך געווען אים ניט צו זען. ערשט שפּעטער זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ בית־הקברות. וועמען האָט עס געקענט איינפאַלן? אַ גרויסער באַרג מיט פאַרשיידענע ניט פאָרמירטע שטיינער, אָנגעוואָרפענע אָן אַ שום סדר, איז ניט קיין זעלטנקייט אין דער זאַמדיקער, שטיינערנער סאַהאַראַ. קיין לוויות זענען פאַר דער צייט ניט פאָרגעקומען, אָדער צוליב זייער ספּעציפישן כאַראַקטער האָבן מיר זיי פּשוט ניט באַמערקט. קליינע גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ באַוויזן פון צייט צו צייט, האָבן אויפן פּאָן פון גרויסן באַרג אויסגעזען מילביש קליין. שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די אָנגעוואָרפענע קליינע און גרעסערע שטיינער זענען מצבות.

איצט האָבן מיר, אַ גרופּע פון צען מאַן, אויסגעשטעלטע אין רייען צו צוויי, באַוואַכטע פון אַ גומיע, מאַרשירט צום יידישן, ווי מען האָט עס דאָ גערופן – איזראַעליטישן בית־עולם.

דער בית־עולם, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, איז געלעגן אויפן האַלבן וועג צווישן

שטעטל און אונדזער לאַגער.

דער אָריינגאַנג איז געווען דורך אַ טירל. פונקט ווי דער אַריינגאַנג צום אַלטן בית־הקברות אין מיין געבוירן־שטאָט. האָט טאַקע גלייך אַ ווייע געטאָן מיט נאָענטער, אייגענער לופט. די שלאַנקע טאָפּאָלן האָבן דערמאָנט די בעריאָזקעס וואָס "מורמלען שטיל אַ תפילה", און די העברעישע אותיות אויף די מצבות האָבן געבראַכט אַ גרוס פון דער אַלטער ווייטער היים, פונעם פּייערל אויפן פּריפּעטשיק, פונעם רבי מיט די קינדערלעך... דער דאָזיקע בית־עולם אין דער ווייטער סאַהאַראַ איז מיר ניט געווען פרעמד.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שפּילגאַרן איז שוין געווען באַערדיקט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרשיטן דעם קבר און אונטער דער אויפזיכט פון אָרטיקן רב דורכפירן די געהעריקע צערעמאָניע. זייענדיק אין לאַגער האָבן מיר שוין אויסגעפירט פאַרשיידענע אַרבעטן, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר בפירוש געדאַרפט אָפּטאָן די אַרבעט פון אַ חברה־קדישא.

דער רב איז נאָך ניט געווען, זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן בית־עולם כאַפּן אַ בליק.

אין פלוג זענען עס געווען די זעלבע מצבות ווי ביי אונדז, פון דעסטוועגן האָבן זיי געהאַט אייגענע אַקצענטן. אויף אַלע איז געווען אויסגעקריצט דער פּ.נ. אויף אַ סך איז געווען אונטן באַמערקט "חבר פון דער חברה", געמיינט די "חברה־קדישא", וועלכע האָט דאָ אַ ברייטערן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם. ניט אַלע זענען מיטגלידער פון דער חברה, און ווער יאָ, טראָגט מען אים נאָך דעם שבת.

ערגעץ ניט ווייט פון מיר האָט אַ ייִנג מיידל, אָנגעטאָן אייראָפּעיש, ווי יעדער פראַנצייזיש מיידל, אין אָרדענונג געבראַכט קברים. כ'האָב זיך דערנענטערט און געפּרוווט אָנבינדן אַ שמועס.

– משפּחה־קברים?

– ניין, כ'בין אַ מיטגליד פון דער חברה.

– פאַראַן אַ פרויען־סעקציע אויך? – טראָגט מיך דער טייוול אונטער איך זאָל אַ שפּאַס טאָן. צום גליק, פאַרשטייט זי ניט. מיר שמועסן ווייטער. ביסלעכווייז ווערט זי מיין מורה־דרך.

– דאָס זענען קינדער־קברים.

– וווּ זענען די מצבות?

– קינדער־קברים האָבן ניט קיין מצבות.

– פאַר וואָס?

– ס'איז אַ סגולה.

– אַ סגולה צו וואָס?

– אַנדערע קינדער זאָלן ניט שטאַרבן.

מיר גייען פאַרביי אַ מצבה לעבן וועלכער עס ליגן ניט דערברענטע ליכטלעך, נר־תמידלעך, בלעכענע פושקעלעך מיט איינגעטונקטע אין אייל ניט־דערברענטע קנויטן, שוועבעלעך, עס זעען זיך איילפלעקן אויף דער ערד.

– דאָס איז דער קבר פון רבי.

דער קבר איז אַן אָרט פאַר ספּעציעלע תפילות אין אַן עת־צרה. ווי עס זאָגט עדות די באַוועגונג אַרום, ווערט ער אָפט באַזוכט.

פאַמעלער, פאַמעלער שליכן זיך אַריין דורכן טירל פאַרשידענע פיגורן. שאַרן זיך צו זיי צו אונדזערע, פּרווון אָנקניפּן אַ שמועס. לינקס פון טויער שטייט אַ הויכער שלאַנקער, קרעפטיקער מאַנצביל און זשעסטיקולירט מיט די הענט. ער טראָגט אַ לאַנגן, דינעם טונקעלן כאַלאַט, אַ מין בורנוס, ווי עס טראָגן די אַלזשירער פויערים. זיין היטל - אַ קיילעכדיקער צורעק פון ברוינעם קאָליר, אין מיטן - אַ רעדל פון באָרדאָ־קאָליר. קיין באָרד האָט ער ניט, נאָר גערזונטע מאַהאָמעט־וואָנצעס. שטייט ער אַזוי אַרומגערינגלט פון אונדזערע חברים און עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער איז טויב־שטום. אָבער נישקשה, אַ כוח־הדיבור האָט דער מענטש פאַר צען ריידעוודיקע. ער זשעסטיקולירט מיט די הענט די גאַנצע צייט, לאָזט קיינעם צום וואָרט ניט קומען. אַלץ קלערט ער אויף מיט די הענט. היטלערן - ס׳איז יאַנואַר 1943 - מאַכט ער פאַרטיק: לייגט צו די הענט צום האַלדז, שטעקט אַרויס די צונג און - דערליידיקט. ווייסן מיר שוין ווו ער האַלט מיט אים. מיט די פאַשיסטן אויך - שאַך־מאַך מיט דער פויסט פון לינקס אויף רעכטס, פון רעכטס אויף לינקס - קאַפּוט! ער איז אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דע־גאָלן. פאַר וואָס טראָגט ער ניט קיין דע־גאָל־אָפּצייכן, איצט ווען די אַליאירטע זענען שוין אין צפון־אַפריקע? דאָ קומט אַן אויפקלערונג מיט דער פויסט אין האַרצן: דע־גאָלס צייכן איז אַ קרייץ פון לאָטאַרינגיע, אָבער - ניין! מיר, יידן, קענען ניט טראָגן קיין קרייץ, מיר - אַ מגן־דוד... איינס און צוויי, און די גראַפישע אויפקלערונג איז געמאַכט אין דער לופטן.

אפשר וואָלטן מיר פון דער זשעסטיקולאַציע ניט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער לעבן אונדז שטייט דער פערצן־יאָריקער נאַנסי און זיין מוטער, אַן אַלמנה מיט אַכט קינדער. זיי דערקלערן אונדז שוין אַלץ אין פראַנצייזיש. אין נאַנסי, וועלכער איז אָנגעטאָן ווי אַ פראַנצייזיש ייִנגל, מיטן בערעט, זעט מען ניט קיין יידישן שטריך, דערפאַר גרויסט ער זיך, אַז אין דער היים האָט ער אַ גרויס בילד פון דער כותל־מערבי...

דעם פאָטער האָט ער ניט לאַנג צוריק פאַרלוירן. "פאַרסמט דורך יידן" - קומט די אויפקלערונג פון דער פרוי, דאָס ווייזט דעם קאַמף, וואָס גייט אָן אין דער קליינער עדה יידן, פאַרוואַרפענע ערגעץ אויפן ברעג פון סאַהאַראַ. נאָך זיין מוטערס אויפקלערונג פאַרגלאָצט נאַנסי די אויגן און שווערט צו נעמען "ווענדעטאַ"... אין פלוג דוכט זיך: אייגענע יידן, אָבער מינהגים פון אַן אַנדערע וועלט...

מיט אַ מאָל ווערט די גרופּע אויפגעלעבט. אַ קרעפטיקער ייד, אַ טיפּ פון אַ נאַלעווקער ייד, אָנגעטאָן אין אַן אַראַבישן ווייסן בורנוס, דער קאָפּ באַרעקט ווי רמב״ם אויף די בילדער, באַוועגט זיך מיט מונטערע טריט צו אונדז.

דער רב איז געקומען.

זיין פנים שמייכלט, דאָס האָט ער געבעטן מען זאָל אונדז צושיקן זיך מתעסק זיין אַרום טויטן. דער רב האָט אַרויסגערופן רעספּעקט ביי די אַרומיקע. אַפילו אונדזער וועכטערביים טויער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל.

דער רב דערנענטערט זיך צו אונדז, גיט אָפּ אַ ברייטן "סאַלעם־אַלייקום" דערלאַנגנדיק יעדן איינעם די האַנט.

אַ רב, ניט קיין רב, פאַר אונדז איז ער געווען אַ וויזיע פון אַ יידן אויף דער פריי. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גע‌פיל פון סאַטיספאַקציע, רעוואַנש און האָפענונג. אונדזערע פאַלעסטינער חברים האָבן זיך צו אים געווענדט מיט אַ פּאָר העברעיִשע ווערטער. דער רב איז געווען גערירט, זיך צעשוווּמען אין נחת: איינעם געגלעט איבערן קאָפּ, אַן

אַנדערן אָנגערירט מיט דער האַנט, געצערטלט.

ער האָט אונדז קלאָר געמאַכט וואָס צו טאָן: אַרויפוואַרפן אַ פּאָר לאָפּעטעס ערד, פאַרגלעטן דעם קבר. מיר האָבן עס גיך געמאַכט, און וואָס ווייטער?

ס'איז ניט לייכט געווען צו פאַרשטיין זיין העברעיש, אָבער מיר האָבן דאָך פאַרשטאַנען: ער וויל מען זאָל מאַכן אַן "אל מלא רחמים". מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. וואָס דאָס איז האָבן מיר געוווסט, אָבער ווער קען אַזעלכע זאַכן?

– איך וועל מאַכן, – האָט זיך אָנגערופן צענטנער, דער געוועזענער סאַניטאַר פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט – אָסור אויב איך פאַרשטיי ביזן היינטיקן טאָג – און אָפּגעזאָגט אַן "אל מלא רחמים" און דווקא אויף אויסנווייניק, אָן צו פאַרהיקען זיך, מיר זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער.

– צענטנער, זאָג קדיש! -האָט אַ רוף געטאָן יאַנקעלע ראָוך.

– וואָס מיינסטו, כ'קען ניט?

צענטנער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן און אָפּגעזאָגט אַ קדיש, וועלכן ס'האָבן ניט באַוויזן צו פאַרווישן אין זיין מוח די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, תפיסות, שפּאַניע און די לאַגערן.

דער רב און די אַנדערע יידן פון דזשעלפאַ זענען געשטאַנען אין אַן ענגן קרייז אַרום אונדז און כמעט אָן איבעררייס געזאָגט "אַמין־אַמין", ניט ווי געוויינטלעך נאָך דער תפילה, זיי האָבן געזאָגט "אַמין־אַמין" ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף ניט, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן באַשטעטיקן, אַז אַלץ איז אמת, אָדער גאָר אויסדריקן זייער אָנערקענונג, אַז די ראָזיקע יונגעלייט, אַ סך פון וועלכע מיט העלע האָר און בלויע אויגן, זענען דאָך יידן...

דער רב האָט דערנאָך אונטערגערוקט איטלעכן זיין סידור, יעדערער האָט געלייענט אַ פּסוק און ווידער אַ מאָל האָבן זיך געהערט די כסדרדיקע "אָמן־אָמן". די דזשעלפער יידן האָבן זיך געווישט די אויגן, געוואָרפן אויף אונדז בליקן פון ליבע און שטאָלץ.

נאָך דער לאַנדונג פון די אַליאירטע אין צפון־אַפריקע איז דער לאַגער־רעזשים מילדער געוואָרן. מיר האָבן אַפילו באַקומען דערלויבענישן צו גיין אין שטעטל און זענען געוואָרן אָפטע איינגייערס ביי די דזשעלפער יידן.

מיר זענען זיך לסוף צעפאָרן, ווער קיין פראַנקרייך, ווער ווייטער. שפּיגלאַרן איז געבליבן אויפן דזשעלפער בית־עולם, אין סאַהאַרער מידבר. ווייט האָט אים דער גורל פאַרטראָגן.

אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

פיניע פלאָטקין

## וועגן איינעם אַ קינסטלער

ערע זיין ליכטיקן אָנדענק

ער האָט געהייסן מיכאַיל טיניאַנאָוו,
לויטן באַרוף, פאַרשטאַנד געווען אַ קינסטלער.
איך בין לעם זיין מצבה היינט געשטאַנען
ביז ס'איז געוואָרן אויפן הימל פינצטער.

איך האָב אַוועקגעלייגט אַ בינטל בלומען
צו זיין געלעגער, אויף אַ שטיין אַ הייסן.
צו מיר זיינען דערגאַנגען קלאַנגען שטומע -
דאָס האָט אַ ווינט צווייביימעלעך געטרייסלט.

דאָס האָט באַ מיר ניט גרינג געקלאַפּט אין האַרצן,
דאָס האָב איך לאַנג געקוקט אויף זיין מצבה.
איז ער געווען אַ נגיד צי אַ קבצן?
אַ חכם? אַ בעל־צדקה? אַ בעל־טובה?

* * *

ער האָט געוווּסט וואָס גוט איז און וואָס טויג ניט,
ניט ליב געהאַט טאָגטעגלעך זיך באַרימען.
מ'פלעגט וועגן אים דערציילן זעלטן, ווייניק,
נאָר דאָס האָט אים, ווי ס'רעדט זיך, ניט געקימערט.

נאָך אים כסדר האָט געשפּירט, געשלעפּט זיך
ניט אָן רחמנות דער מלאך־המוות.
ניט גרינג דעם אַלטן קינסטלער האָט געלעבט זיך
אויף דער פּיללײדנדיקער ערד פון זיינע אבות.

אָ, וויפל אַלטע, נייע וווּנדן האָב איך,
נאָך וויפל וועלן צוקומען, פאָריבער...
\- - - - - - - - -

איז ער געווען אַ קבצן צי אַ נגיד?
איז ער געווען, ווי מע דערציילט, אַ גבור?

1996

## וועגן יענע וואָס לייקענען אָפּ דעם האָלאָקאָסט

אייך, ווירקלעך, באַנוגנט ניט באַבי יאַר.
איר זוכט, פּונקט ווי שוואָמען אין וואַלד, באַבי יאַרן...
ניט דינגט זיך מיט אונדז, ווי גנבים, אין מאַרק -
ניט ערלעך די אייערן טויבע פאַרשפאַרן.

מ. אײַזענבוד / מעלבורן

# דאָס ליד פֿון דיכטער יוסף קערלער

זיבעציק יאָר האָט עקזיסטירט דער ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿאַרמירט לויט דער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע. במשך פֿון דער צייט זענען דערשינען אָן אַ שיעור ביכער, עסייען, קאָמענטאַרן פֿון מענטשן וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זיי פֿאַרשטייען ווי אַזוי פֿונאַנדערשיפֿרירן די מיסטעריע וואָס הייסט: ראַטנפֿאַרבאַנד. הײַנט קאָן מען מיט אַ רואיקן געוויסן זאָגן, אַז די אַלע עקספּערטיזעס פֿון די "סאָוועטאָלאָגן" האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿון דער געשיכטע, און דאָס, צוליב אַ פּשוטער סיבה: כּדי צו באַהאַנדלען דאָס, וואָס עס געשעט אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אָדער פֿאָרויסצוזאָגן ווי אַזוי די געשעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען – האָבן זיי גענוצט מערבֿדיקע מעטאָדן, איינשטעלונגען, באַגריפֿן און לאָגיק, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון זייער בילדונג און שטודירן אין מערבֿדיקע אוניווערסיטעטן, פּאָליטישער אָריענטאַציע און אַנאַליז.

דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור – ווי אַזוי זי איז אויפֿגענומען געוואָרן אין מערבֿ פֿון ייִדישע קריטיקער, קולטור־עסקנים און זשורנאַליסטן. הגם זיי זענען געווען נעענטער צום ענין ווי די ניט־ייִדישע א.ג. "סאָוועטאָלאָגן", האָבן זיי דאָך ניט באַנומען דעם תּוך פֿאַרוואָס און ווי אַזוי ייִדישע

---

מיר ווייסן ווי איר זײַט אַוועקגעגאַן ווײַט,
ווי איך וואָלט זיך וועלן דעם אמת דערטרינקען.
צי ווייסט איר געניי וואָס אַשוויענטשים באַטײַט?
צי זײַט איר כאָטש איין מאָל געווען אין טרעבלינקע?
אויף אײַערע שמוציקע קליידער ביז הײַנט
ווי גיפֿט־שטאָפּן שמיגלען די ברוינע פֿאַרבן.
באַהאַלט זיך, אויב ניט וועט איך ווהל ניט זײַן
פֿון די, וועלכע לעבן, פֿון די, וועלכע שטאַרבן.
* * *

שטאַרק ניט לויף, אָפּט באַזוך
דײַנע פֿרײַנד אין דער היים...
און די נאַכט גייט אַדורך,
און דער טאָג קומט צו גיין.
דו געפֿינסט, דו באַמערקסט,
נאָר ניט אַלץ, וואָס דו דאַרפֿסט.
און די צײַט גייט אַוועק,
און ס'איז נאָענט דער האַרבסט.
און עס טראָגט זיך אַ ווינט,
און עס וואַרעמט די זון.
ווער עס זוכט, דער געפֿינט
וואָס אים פֿעלט, וואָס אים קומט.

שרייבער באַנוצן זיך מיט אַנדערע קריטעריעס און דימענסיעס אין זייער שעפערישקייט.

קוקנדיק מיט מערבדיקע אויגן און מעסטנדיק מיט מערבדיקע קאַטעגאָריעס - האָבן זיי פאַרשריגן די יידיש־סאָוועטישע שרייבער ווי יעווסעקעס, פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, און אין דעם צייטונגס־לשון, וועלכן מען האָט גענוצט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט מען זיי גערופן פעדער־קנעכט, הויף־זינגער און ענלעכע עפּיטעטן.

ווען אַ יידישער פּאָעט אין ניו־יאָרק האָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דעם צוויי־פּנימדיקן גריכישן גאָט יאַנוס, און דערמיט אָנגעגריפן די אַמעריקאַנער פּאָליטיק, און האָט דאָס ליד אָפּגעדרוקט אין דער קאָמוניסטישער צייטונג "מאָרגן פרייהייט", איז אין דער יידישער פּרעסע געוואָרן אַ סענסאַציע, מחמת דער ערשטער אות פון יעדער שורה - פון אויבן אַראָפּ, האָט זיך געלייענט: "סטאַלין רציח". דער פּאָעט איז געוואָרן דער העלד פון טאָג.

אָבער ווען דער פּאָעט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם האָט אָנגעשריבן (אָבער ניט געדרוקט) אַ ליד וועגן אַסעטין (סטאַלין) וועמענס וואָנצעס זענען ווי טאַראַקאַנעס און די פינגער ווי גראָבע ווערים - און ער האָט עס בלויז געלייענט פאַר נאָענטע פריינד - האָט ער דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט מען געדאַרפט אָפּשאַצן די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג. אָבער מען האָט דאָס ניט געטאָן. ערשט דער מאָרד פון 12־טן אויגוסט 1952 האָט אויפגעמאַכט די אויגן ביי די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין מערב - און די נעכטיקע אָפּטריניקעס פון פאָלק - זענען פראָקלאַמירט געוואָרן ווי קדושים.

דער לענגערער אַריינפיר איז נויטיק, כדי צו פאַרשטיין די אַטמאָספער, אין וועלכער יוסף קערלערן איז אויסגעקומען צו שאַפן. צום גליק איז ער נאָך געווען יונג און ניט שטאַרק באַוווסט - אַ ניט וואָלטן מיר היינט ניט געהאַט וועמען אויסטיילן אָנערקענונג פאַר זיין שאַפן.

אָבער אויך קערלער האָט באַצאָלט אַ פּרייז פון שווערע ליידן אין די סאָוועטישע אַרבעט־לאַגערן, שוין נאָכן אָפּרינען דעם פּאַטערלאַנד אין בלוטיקע שלאַכטן - פאַר וועלן זיין אַ יידישער שרייבער.

און טאַקע דאָרט, אין וואָרקוטער לאַגער, אין יאָר 1953 - האָט קערלער פאַרצייכנט אין זכרון:

"די צאַרטע בלומענבלעטלעך פון טויט באַהאַלט איך אויס,
נאָר ניט ווי שמות הייליקע פון אָפּגענוצטע ספרים -
זיי שטאַרקן מיר דאָס האַרץ און האַרטעווען מיין פויסט
און טרייסטן טראָט ביי טראָט אויף שאַרפן שטיין און דאָרן".

דריי יאָר שפּעטער, שוין אין מאָסקווע, שרייט זיין וויטאָג אַרויס פון אים אין ליד וועגן דוד האָפשטיין:

"אַ פראָסט און אַ וויגע, געבויגן אין דרייען
דו שפּאַנסט און דיין שפּור אויפן שניי איז ווי פייער,
און ס'גליווערט דאָס האַרץ און סע לעכערט דעם אויער -
דיין יידישער טרויער, דיין רוסישער טרויער".

צום דעם טראַגישן קאַפּיטל נאָך 1948 - די אַרעסטן פון די יידישע שרייבער, דעם מאָרד איבער מיכאָעלסן - געהערט אויך דאָס ליד, וואָס קערלער, האָט אין נאָוועמבער

1959 געלייענט ביים מיכאָעלס דענקמאָל:

"טא ווו זשע, פרעג איך
איז מיין שפּראַך,
מיין האַרץ, מיין אָטעם
און מיין דאַך
איבער דעם קאָפּ
דעם בראָנזענעם
דעם אָפּגעהאַקטן?"

צווישן קערלערס "כשרע" לידער, געפינט זיך אַ ליד וועגן אשר שוואַרצמאַן. שוואַרצמאַן, וואָס איז שוין געווען אַ באַטייטנדיקער דיכטער ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געהאַט דאָס "מזל" צו פאַלן ווי אַ קעמפער אין בירגער־קריג - און זיין נאָמען האָט ווי אַ סימבאָל באַשיינט די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג.

אין דעם ליד, געווידמעט שוואַרצמאַנען (1940) זינגט קערלער:

"אַ מאָל איז אַ דיכטער געפאַלן אין שלאַכט,
האָט מען פון דאָרטן זיין שווערד מיר געבראַכט...
אַ שווערד ווי אַ שווערד, נאָר זי זינגט אינעם גאַנג,
ער האָט זי געשליפט ביז זיין שענצן געזאַנג.
היט איך זי אָפּ, ווי דאָס אויג פונעם קאָפּ,
קיין שטויבעלע פאַלט אויף איר שאַרף ניט אַראָפּ".

אין יאָר 1971 - נאָך אַ שווערן קאַמף מיט דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע - קומט קערלער מיט זיין משפחה אָן קיין ישראל. עס הויבט זיך אָן אַ ניי שעפעריש קאַפּיטל. אָבער אויף קערלערן ליגט נאָך דער שטויב פון די וואָרקוטער קוילנגרובן. אין זיינע לידער צאַפּלען נאָך אַלץ יענע דיכטערישע נשמות, וועלכע האָבן די באַפרייונג ניט דערלעבט. ער פילט - זיי האָבן אויף זיינע פּלייצעס אַרויפגעלייגט דעם עול פון געדענקען.

"קיינער וויינט שוין לאַנג ניט
קיינער לאַנג שוין קלאָגט.
און קיין געוויין כ'פאַרלאַנג ניט,
ווען היינט אויף ס'ניי איך זאָג:
קברים אויף די וועגן, היימען אין רואינען,
ווער ס'וויל אייך פאַרגעסן - זאָל קיין רו געפינען.
זאָל דער בעסטער ביסן בלייבן אים אין האַלדז,
שטיינער אויפן האַרצן אים, אויף די ווונדן - זאַלץ".

און ווי ער וואָלט אַ שבועה געגעבן, זינגט ער ווייטער:

"קיין מאָל ניט פאַרגעסן! קיין מאָל ניט פאַרגעסן
אין האַרצן די פאַרגאַנגעהייט, ווי פּולווער אין די פּעסער.
פאַרצויגן שוין די ווונדן?
ס'גייט אום, ס'גייט אום דער אכזר.

איז דער דיכטער יוסף קערלער אַריינגעפאַלן אין יאוש? האָט דער קעמפערישער גייסט וואָס האָט געקלאַפּט אין אים, אָנגעוואָרן דעם אימפּעט? אויף די אַלע פראַגן קאָנען מיר מיט צופרידנקייט ענטפערן: ניין!

סוף אויף ז' 43

משה שקליאַר

# אין מיטן נאַכט

ער רופט אויס, ווי אַ מאָל,
די נעמען פון די גאַסן,
און דער טראַמוויי לויפט,
שטעלט אין ערגעץ זיך נישט אָפּ.
קיינער שטייגט נישט איין
און שטייגט נישט אויס.
דער מאַשיניסט קערט אום דעם קאָפּ
געלאַסן, און קוקט אויף מיר -
אַ גאַסט פון יענער וועלט,
פון אונטערערד צי אויבערערד,
פון רויך און פלאַמען,
וואָס לויפט
מיט דעם טראַמוויי צוזאַמען

צווישן נאַלעווקעס און זוואָקאָוואַיע, *)
צווישן דיזענגאָף און בעווערלי־בולוואַר.

איך פיל, פון ערגעץ הויערט
אַ געפאַר
און וויל אַ רוף טאָן:
"שטיי, בלייב שטיין!"
נאָר יענער לאַכט
אַ טייוולשן געלעכטער
און פאַרשווינדט צוזאַמען
מיט דעם לויפנדן טראַמוויי.

איך בלייב אַליין
מיט מיין געשריי
אין מיטן נאַכט...

# גיב אַ האַנט
## דבורהלען

נאָר נישט אַנטשוויגן ווערן,
נאָר נישט בלייבן שטיין.
וויש פון אויגן אויס די טרערן,
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין

דעם באַרג אַריבער צו די שטערן,
אַנטקעגן זונען־שיין.

נאָר נישט אַנשוויגן ווערן -
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין.

שווער דער וועג איז, פול מיט שטערונג,
אָנגעהויפט איז שטיין אויף שטיין,
נאָר מיר וועלן מיד נישט ווערן -
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין.

# אין פלאַם גייט אויף

ביים סוף פון בלוטיקסטן יאָרהונדערט
עס וועיטיקן נאָך אַלץ די וווּנדן,
עס פלאַקערן נאָך אַלץ די פייערן,
וואָס פאַרבר'ענט האָבן די שייערן
מיט האָב און גוטס, מיט רייפע זאַנגען...

פרווו איך ווידער איצט דערלאַנגען
מיט מיין צעשפליטערטן זיכרון
צו האַלב־פאַרמעקטע צייטן, יאָרן
פון קינדער־טרוימען, יוגנט־ליבעס,

פאַרהילכטע מיט געזאַנגען שטיבער,
ווו ס'זענען זיך צונויפגעקומען
פרי־צעשפראָצטע יונגע בלומען -
שויבערקעפּ מיט הערצער פולע
פרייד, פון התלהבות דולע,
גרייטע וועלטן איבערקערן.

ווו זענען זיי? פאַרשטיק די טרערן
און זע - דער הימל איז צעצונדן,
אין פלאַם גייט אויף אַ ניי יאָרהונדערטן

*) זוואָקאָוואַיע - אַ גאַס אין אַ רוסישער שטאָט, ווו דער מחבר האָט געוווינט בעת דער מלחמה.

יעקב לעווין

# דער דוד הערמאַן־טעאַטער אין מעלבורן
## (אַ דערמאָנונג)

עס איז געווען סוף יאָר 1950 און זומער אין מעלבורן, אויסטראַליע. מיר גייען אויף אַ באַנקעט צו פייערן דעם "שידוך" מיטן דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז. מיר, אַ קליינע גרופע יונגטלעכע, פרישע אימיגראַנטן, ערשט געקומענע פון בריסל, בעלגיע. מיר זענען פול מיט ענטוזיאַזם און הייסער ליבע צו די "ברעטער", צו דער יידישער בינע. אין בריסל האָבן מיר געהאַט אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע אימפּרעזעס, איינגעאָרדנט פון יונגט־בונד "צוקונפט", ריזיקירנדיק אַפילו צו שפּילן ה. לייוויקס "גולם". אָט דער פאַקט האָט מיט יאָרן שפּעטער, אין מעלבורן, באַוווגן מיין טייערן לערער און פריינד, אונדזער רעזשיסער יעקב ווייסליץ, בעת פראָבן אויסצודריקן זיין אומצופרידנקייט מיט אונדזער אַרבעט, רופנדיק אונדז גולם־שפּילער...

פופצן יאָר האָב איך אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון דוד הערמאַן־טעאַטער, צווישן 1950 און 1965, ווען איך האָב מיט מיין משפחה פאַרלאָזט אויסטראַליע און זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס.

*

אין מעלבורן האָבן מיר דעמאָלט געהאַט דאָס מזל צו האָבן ווי שטענדיקע איינווינער די באַרימטע אַקטריסע און רעציטאַטאָרין רחל האָלצער, און יעקב ווייסליץ, איינער פון די זיילן פון דער רומפולער ווילנער טרופּע. זיי זענען געווען אונדזערע לערער און וועגווייזער אויף דער בינע. ו ע ג ו ו י י ז ע ר אין פולין זין פונעם וואָרט.

אין דער ערשטער פאָרשטעלונג אונטער דער רעזשי פון יעקב ווייסליץ, שלום עליכמס "דאָס גרויסע געווינס", האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, וואָס עס הייסט אַרבעטן אונטער דער פירונג און השגחה פון אַזאַ אַקטיאָר און לערער ווי ווייסליץ איז געווען. ער האָט מיט אויסערגעוויינטלעכער פּינקטלעכקייט אָפּגעהיט די הייליקייט פונעם געשריבענעם וואָרט. ער פלעגט אָן אויפהער איבערחזרן די וויכטיקייט דערפון. אַ שרייבער – פלעגט ער זאָגן – ווייטיקט אויס יעדעס וואָרט, ביז ער באַשליסט עס צו פאַרייביקן, דאַרף דער אַקטיאָר עס באַהאַנדלען מיט דרך ארץ און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

"דאָס גרויסע געווינס" האָבן מיר געשפּילט לויט דער מוזיקאַלישער אַראַנזשירונג פון דער ווילנער טרופּע, וווּ יעקב ווייסליץ איז געווען איינער פון די הויפּט־אַקטיאָרן. איך דערמאָן זיך מיינע געדאַנקען און געפילן פאַרן אַרויפגיין אויף דער בינע (איך האָב געשפּילט מאָטעלען) אין צווייטן אַקט, נאָך דעם ווי שימעלע סאָראָקער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך גיי אויף אַ חתונה פון אַ

המשך פון ז' 41

"פון אונדזער געביין מעג ניט לאָזן קיין סימן
די האַק און דער חלף, דאָס פייער און שווערד,
נאָר ס'וועלן ניט אויפהערן קלינגען די שטימען
פון יידישע דיכטער אויף רוסישער ערד!

געשריבן אין יאָר 1960 קלינגט עס נאָך אַלץ ווי אַן אַרויסרוף צום גורל: יאָ, יוסף קערלער – עס קלינגען נאָך אַלץ שטימען פון יידישע דיכטער אויף רוסישער ערד – היינט – אין יאָר 1997.

נאָענטן משפחה־מיטגליד און כ׳האָב קוים געקאָנט באַהערשן מיינע עמאָציעס און נישט אַרויסשפּרינגען אויף דער בינע פֿאַר דער צייט.

אַזאַ אַטמאָספער האָט נאָר געקאָנט געשאַפן ווערן אַדאַנק דער אָנפירונג און דער פּערזענלעכקייט פון אונדזער רעזשיסער.

אויפן געזעגענונג־אָוונט מיטן טעאַטער־קרייז, בעת אונדזער פּאַרלאָזן מעלבורן, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין דאַנקבאַר דעם גורל פֿאַר האָבן די געלעגנהייט במשך פופצן יאָר צו שפּילן טעאַטער אונטער דער רעזשי פון אַזעלכע קינסטלער ווי יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער, ווי אויך די געסט־רעזשיסאָרן זיגמונט טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ און יוסף שיין.

*

פּאַר אַ יונגן בחור, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געהאַט אַרויס פון געטאָ און לאַגער־גיהנום אויף דער פרייער וועלט און האָט געטראָגן מיט זיך אַ ליבשאַפט צו אַלץ וואָס איז יידיש שאַפן, יידישע קולטור, יידיש טעאַטער - און האָבן די געלעגנהייט צו שטיין אויף דער בינע מיט אַזעלכע ריזן, איז געווען פאַרשיכורנדיק. און ס׳איז נישט לייכט געווען דעמאָלט צו שפּילן טעאַטער. אַ גאַנצן טאָג איז מען געווען ביי דער אַרבעט (צוליב פרנסה) און שפּעטער, אין אָוונט, אויף פּראָבן. לכתחילה צוויי פּראָבן אַ וואָך, און שפּעטער - דריי און פיר פּראָבן. די "קדימה", דער יידישער קולטור־צענטער, וווּ מיר האָבן פּראָבירט און געשפּילט די פּאָרשטעלונגען, איז געווען אין צווייטן עק שטאָט. אַ מאָל איז דאָרט געווען אַ גערדיכט באַווינטע יידישע געגנט. קיין אויטאָס האָבן מיר נאָך נישט געהאַט, האָט מען זיך געמוזט שלעפּן מיט טראַמווייען און באַנען.

אין אָוונט, נאָכן אַ היים קומען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, אָפּגעגעסן מיטאָג און היידאַ - אויף פּראָבע. זיכער זענען אינעם פאַמיליע־לעבן געבליבן בלויזן. מען האָט נישט פאַרבראַכט מיט ווייב און קינדער אַזוי פיל ווי מען האָט געוואָלט און געדאַרפט. האָט מען זיך באַמיט עס צו פאַרריכטן אין די צו קורצע "וויקענדס".

דעם כוח פון דער בינע און דעם אומגעהויערן איינפלוס וואָס זי האָט אויפן אַקטיאָר איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן עמיצן, וואָס ליידט נישט פון דער "קרענק". פון שטענדיק אָן בין איך זייער נערוועז ערב אָן אויפטריט אויף דער בינע. איך דערמאָן זיך אַ קאָמישן עפּיזאָד פאַר דער פּרעמיערע פון שלום עליכמס "בלאָנדזשענדיקע שטערן". געווען איז עס אין אויגוסט 1964. אין מעלבורן האָט דעמאָלט געוויילט פּראָפ. עזריאל נאַקס פון ניו־יאָרק אויף אַ ציקל לעקציעס. פּאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אונדזער גאַסט צו דער פּרעמיערע. פאַר דער פּאָרשטעלונג איז ער געקומען הינטער די קוליסן באַקענען זיך מיט די אָנטייל נעמער. באַגלייט האָט אים יוסף שיין, אונדזער רעזשיסער. איך האָב דעמאָלט געשפּילט די הויפּט־ראָל: לייבעלע ראַפאַלעסקאָ. ווען ס׳איז געקומען מיין ריי זיך פאָרצושטעלן פאַרן חשובן גאַסט, בין איך געלעגן אין אַ ווינקל פון דער בינע אין קאָסטיום און גרים און געקורטשעט זיך פון יסורים און נערוועזיטעט. איך געדענק נישט צי כ׳בין געווען בכוח זיך אויפצושטעלן און באַגריסן דעם גאַסט. איך שטעל מיר פאָר וואָס ער האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן מיר. אין יענעם מאָמענט בין איך גרייט געווען אַלץ אָוועקצוגעבן אַבי מען זאָל מיך לאָזן פאַרשווינדן פון טעאַטער... אָבער אין פופצן מינוט אַרום, ווען איך בין געלאָפן דורכן זאַל, ביים אָנהייב פון ערשטן אַקט, כדי אַרויפשפּרינגען אויף דער בינע צו האַצמאַכן, בין איך געווען באַהערשט פון העכסטער באַגייסטערונג. דאָס איז אַ געפיל וואָס איז אוממעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער.

במשך די פופצן יאָר האָב איך זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע פאָרשטעלונגען וואָס אונדזער טעאַטער האָט אויפגעפירט. אונדזערע פאָרשטעלונגען זענען, אָן אויסנאַם, געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. דאָס פובליקום האָט עס פאַרלאַנגט, און אַזוי אויך אונדזערע רעזשיסאָרן. און דער עיקר, מיר, די אָנטייל נעמער, האָבן גאָר אַנדערש נישט געטראַכט ווי שפּילן גוט יידיש טעאַטער, סיי אָריגינעלע פּיעסן ווי אויך איבערזעצונגען פון אייראָפּעישן און העברעיש־ישראלדיקן רעפּערטואַר.

ס'איז נישט מעגלעך אין קורצן איבערצוגעבן פופצן יאָר אַקטיווע סצענישע אַרבעט, ווען מיר וואַרטן אויף אַן אַנדער געלעגנהייט. דאָ וויל איך בלויז פאַרנאַטירן פאַסירונגען, וואָס טאַנצן פאַר מיינע אויגן מיט אומבאַגרענעצטער פריידיקער דערמאָנונג.

...אין 1954־טן יאָר האָט רחל האָלצער זיך געגרייט שטעלן אַן איטאַליענישע קאָמעדיע א.ג. "צוויי טוץ רויטע רויזן", איבערגעזעצט אויף יידיש דורך איר מאַן חיים ראָזנשטיין. מיט אַ קורצער צייט פריער האָב איך געשפּילט אין רחל האָלצערס אויפפירונג פון "מירעלע אפרת" איר יינגסטן זון דניאל. אין די "רויטע רויזן" האָב איך געקראָגן די ראָל פון איר מאַן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 27 יאָר. כ'האָב געציטערט פון מורא און פרייד. איין קלייניקייט! שפּילן אַ ראָל אַנטקעגן רחל האָלצער... זי איז דעמאָלט נאָך געווען אַ זייער שיינע פרוי מיט אַ הויכער, שלאַנקער פיגור, און דער אונטערשייד אין עלטער איז בכלל נישט געווען צו באַמערקן. מיין שרעק איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן אַ דאַנק אירע געדולדיקע אָנווייזונגען. נאָך דריי חדשים אינטענסיווער אַרבעט האָבן מיר די פאָרשטעלונג געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין מעלבורן און אַפילו איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ בענעפיס קיין סידניי, לכבוד די דאָרטיקע יידישע שולן.

אַ גאָר גרויסע אונטערנעמונג איז געווען די אויפפירונג פון שלום אַשס "קידוש השם". אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע מיטגלידער פונעם טעאַטער־קרייז, און די מערהייט האָט געשפּילט צו צוויי ראָלן, ווי אויך סטאַטיסטירט אין די מאַסן־סצענעס. עס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג אין אונדזערע באַדינגונגען. דער דערפאָלג איז געווען אָפּהענגיק פון דער גוטער צוזאַמענאַרבעט מצד אַלע אָנטייל נעמער, אַריינגערעכנט אויך יענע, וואָס האָבן געאַרבעט הינטער די קוליסן. איבער דעם אַלעמען האָט געוואַכט די זיכערע האַנט פון אונדזער לערער און רעזשיסער יעקב ווייסליץ. ער אַליין האָט אויך מיטגעשפּילט.

איך האָב זיך זייער באַפריינדט מיט אים אין יענער צייט. מיר האָבן געוווינט בשכיינות און צוליב דעם איז אונדז אויסגעקומען צוזאַמען פאָרן אַ היים פון די פּראָבן. די שמועסן אונדזערע אין טראַמוויי, אַ היים פאַרנדיק שפּעט ביינאַכט, זענען פאַרבליבן אין מיין זיכרון ווי די ווערטפולסטע מאָמענטן פון מיין אַרבעט אין טעאַטער. ווען איך האָב זיך דערוווּסט פון אים, אַז די צוויי ראָלן וואָס איך וועל שפּילן אין "קידוש השם" – דעם פּוילישן פּריץ און יערעם, דעם יינגן קאָזאַק, וועלכן ס'האָט אין דער ווילנער טרופּע געשפּילט יוסף קאַמין, איז מיך באַפאַלן אַ שרעק: "ווי קום איך?"... אָבער גלייכצייטיק האָב איך געהאַט אַ געפיל פון שטאָלץ. אין דער אויפפירונג האָט אויך אָנטייל גענומען די אַקטריסע מילא ווייסליץ, יעקב ווייסליצס טאָכטער, אין דער ראָל פון דבורהלען.

די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין יידישן מעלבורן און דער

עקיבא פישבין / ירושלים

# אַ געסל אין ירושלים

אינעם עלטערן טייל ניי־ירושלים איז פֿאַראַן אַ געסל, אַ מין זאַולעק, אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער; הייסן הייסט דאָס געסל - רחוב ד״ר טיכאָ. במשך צענדליקער יאָרן האָט זיך געפּלאָכטן אין דעם זאַולעק אַ פֿאַרביקער ניגון פֿון יידישער טואונג. דאָ האָבן די ליכטשטראַלן לאַנגע יאָרן געזונגען אַ הימן פֿון אהבת המענטש. דאָ האָט אַ יידישער רופֿא, אַ מין חלוצישער עושה ועוסק באמונה, געטראָגן הילף לכל אדם בצלם אלוהים. דער רופֿא, ד״ר אברהם טיכאָ, איז געווען אַ דימענט פֿון אַ מענטש. די גוטסקייט האָט אים אַראָפּגעשיינט פֿון פּנים. די הייליקייט פֿון מצוות בין אדם לחברו האָט ער געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. און דעם פּיקוח נפש אָפּגעהיט שעה־בשעה און טאָג־בטאָג.

דעם דאָקטערס עזר שכנגדו, זיין פֿרוי אַננאַ, איז געווען אַ קינסטלערין, מיטן עשירות פֿון איר לירישער סובסטאַנץ האָט זי דעם מענטש געעפֿנט די אויגן אויפֿן חן פֿון געטלעכן באַשאַף. זי האָט דעם מענטש דערנענטערט צום פּאַטאָס פֿון ביבלישן פּייזאַזש, וואָס אַרום ירושלים.

דאָס פּאָרפֿאָלק טיכאָ האָט דאָ געוווינט אין אַ רחבותדיקער קאַמעניצע באַזוימט מיט אַ גאָרטן; אָבער חס ושלום נישט אויס גדלות - די צוויי זויבערע מענטשן זענען געווען די באַשיידנקייט אַליין. פֿאַר דעם ד״ר טיכאָ איז דאָס גרויסע הויז געווען אַ לעבנס־געברויך, מחמת געהאַט האָט ער שוין דעמאָלט פֿולע הענט מיט אַרבעט.

---

דערפֿאָלג איז אַוודאי געווען אַ פֿאַרדינטער.

די צוזאַמען אַרבעט בעת פּראָבן, ביים צוגרייטן אַ פֿאָרשטעלונג, דערנענטערט די אָנטייל נעמער. מען ווערט צוגעבונדן צו איינאַנדער, ווי משפּחה־מיטגלידער. איינער גיט אַכטונג אויפֿן צווייטן און העלפֿט אַרויס מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך. עס ווערן געבוירן פֿריינדשאַפֿטן, און אַלטע פֿריינדשאַפֿטן ווערן פֿאַרשטאַרקט און טראָגן זיך איבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

צוויי אַזעלכע פֿריינד וויל איך בלויז דערמאָנען פֿון צווישן דער נאָענטער גרופּע אין אונדזער טעאַטער. ביידע זענען שוין, ליידער, מיט אונדז נישטאָ: שיע טיגעל ע״ה, מיין נאָענטסטער און טייערסטער חבר. מיר האָבן זיך באַקענט אין 1945־טן יאָר אין אַ די. פּי. לאַגער אין דייטשלאַנד. דאָס האָט ער מיך אַריינגעצויגן אין טעאַטער־אַרבעט אין בריסל און איינגעפּלאַנצט אין מיר די ליבשאַפֿט און ענטוזיאַזם פֿאַרן יידישן טעאַטער, אַ ליבשאַפֿט וואָס ברענט מיט דעם זעלבן פֿלאַם עד היום; און יאַשאַ שער ע״ה, די קרוין פֿון יידישן קולטור־־לעבן אין מעלבורן, אַן איידעם פֿון דעם ווילנער לערער און פּעדאַגאָג יוסף גילגיטש. זיין הומאָר און שטענדיקער שמייכל האָבן באַשיינט אונדזערע אימפּרעזעס און צוזאַמענקומען. אָן אָט די צוויי טאַלאַנטפֿולע, טייערע חברים מיינע, וואָלט אונדזער טעאַטער נישט געהאַט דערגאַנגען צו די הייכן, וועלכע מיר האָבן דערגרייכט.

זאָלן די שורות דינען אָנשטאָט בלומען אויף זייערע קברים.

נאָוועמבער, 1966

מיט דעם הויז פון די טיכאָס איז זיך פאַרלאָפן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. אָבער לאָמיר נישט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ.

מען זאָגט, אַז ווענט האָבן אויערן; זיי האָבן אָבער נישט קיין מיילער. וואָלטן די דיקע מויערן פון טיכאָ־הויז געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי דערציילט מעשיות וועגן די ערשטע יאָרן פון נײַ־ירושלים, וואָס מחוץ לחומות.

די מעשה הייבט זיך אָן מיטן 19־טן י"ה, ווען די אָטאָמאַנישע אימפּעריע האַלט זיך קוים אויף אירע ליימענע פיס. גראָד צו דער צייט האָבן זיך די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן געכאַפּט, אַז זיי זענען קריסטן און מען דאַרף עפּעס טאָן פאַר דעם הייליקן ירושלים, ווו ס'ליגט באַגראָבן "גאָטס־זון". ובכן, האָט מען גענומען אין ירושלים בויען קירכעס און אַהין געשיקט כלי־קודש זיי זאָלן, מחוץ תפילות, זאָרגן פאַר דער אָרעמער אַראַבישער באַפעלקערונג נעבעך - טאָקע ממש אויס קריסטלעכער רחמנות. ווי באַקאַנט איז קריסטנטום און רחמנות - אַ צווילינג...

גאַר שטאַרק האָט זיך פאַרליבט אין ירושלים דער דייטשישער קיסר ווילהעלם. אפשר איז אים די "הייליקע בתולה" געקומען צום חלום?! ווי די זאַך זאָל נישט זיין - ווילהעלם האָט אין דער עיר הקודש געבויט און געבויט; געבויט קירכעס און אויך שפּיטעלער.

לאָזן דעם דייטש אַליין זיך מרחם זיין אויף דער הייליקער ערד וואָלט געווען אַ רציחה אין דער וועלט! האָט שוין דער גאָטספאַרכטיקער צאַר באַטיושקאַ אויך געבויט קירכעס. און אויך די פראַנצויזן מיט די ענגלענדער זענען נישט אָפּגעשטאַנען. בקיצור - די קריסטלעכע ליבע צו ירושלים האָט געברענט אש להבה!... די שטאָט איז פּלוצים אויפגעריכט געוואָרן מיט אפּיטרופסים, וואָס האָבן געהאַט אין זין רק די טובה פון ישו און רחמנות אויף די אָרעמע אַראַבער. אַנדערע זאַכן זענען זיי, פאַרשטענדלעך, נישט אָנגעגאַנגען...

און אַז דער אינטערעס צום לאַנד פון דער ביבל איז מצד די גרויסמאַכטן געוואַקסן, האָבן זיך געיאַוועט אַרכעאָלאָגן און גענומען אויסגראָבן סודות מזמן התנ"ך. אַ פאַרביקער עולם גויים האָט זיך באַזעצט מחוץ לחומות ירושלים. אויף אַזאַ שטייגער האָבן שוין די גרויסמאַכטן דאָ אויפגעשטעלט קאָנסולאַטן, ווייל מען דאַרף דאָך זאָרגן פאַר אייגענע בירגער - אַ קשיא פאַר אַ מעשה...

קורץ און שאַרף - די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן האָבן אַריינגעשטעלט אַ געזונטן פוס אין ירושלים און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל אַרום דעם נאָענטן מזרח.

* * *

אַז דאָס לעבן איז געווען באַקוועמער אויסער די מויערן, ווי אין דער ענגשאַפט פון דער אַלטשטאָט, דאָס האָבן אויך די רייכע אַראַבער פאַרשטאַנען. אַ נגיד בטבע האָט ליב הנאה צו האָבן פון לעבן. ובכן, האָט האַדזש ראַשיד, אַן ערד־באַזיצער, אַן עושר אַן אדיר, אויסגעבויט פאַר זיך און זיינע ווייבער אַ לוקסוס ווילע פון צוויי שטאָק, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גביר, מיט פעסטע דיקע מויערן פון שטיין, אַז ווינטער זאָל אים זיין וואַרעם און זומער קיל. די געביידע האָט דער אַרכיטעקט איבערגעדעקט מיט אַ קאָפּולע, לויטן אָריענטאַלן געשמאַק.

הכלל, אַ געביידעלע, אַ צאַצקע. דאָס איז געווען אין יאָר 1864. איז דאָך די מעשה, וואָס אַ נגיד ווערט אַלץ שנעל פאַרמיאוסט; האָט דער אַראַבער אין יאָר 1880 פאַרקויפט דאָס הויז מיטן גאָרטן צו איינעם אַ ווילהעלם מאָזעס שאַפּיראָ - קלאָמפּערשט אַ סוחר פון אַלטערטימלעכע חפצים, בעצם אַ כיטרער, פיפיקער זשוליק.

שאַפּיראַ, אַ ייִד פֿון קיעוו, האָט זיך טאַקע אַ ביסל געשמדט, נאָר צום הייליקן לאַנד האָט אים געצויגן סכנות נפֿשות. עפּעס האָט ער מיט דער נאָז דערשמעקט, אַז אין ארץ ישׂראל, ווו אַרכעאָלאָגן גראָבן אויס יעדן טאָג אָביעקטן פֿון די תנ"כישע צייטן, קאָן מען לייכט אָפּכאַפּן אַ פֿאַרדינסטל און ווערן אַן עושר.

שאַפּיראָ האָט אין ירושלים געזעצט און געטראָפֿן.

אין איינעם אַ טאָג האָט ווילהעלם מאָזעס מודיע געווען דער וועלט, אַז ער באַזיצט אַן אוצר - אַ כּתב יד באַזיצט ער מזמן הנביאים!

האַ? אַזאַ זאַך! איז שוין דער טויער פֿון שאַפּיראָס לוקסוס-רעזידענץ געוואָרן באַלאַגערט פֿון קונים. מען האָט פֿאָרגעלייגט מזומנים - איינער מער פֿונעם צווייטן. דער משומד האָט זיך געקווענקלט, געלאָזט לאַנג זיך בעטן; און בסוף אַוועקגעגעבן דעם אוצר דעם בריטיש מוזעאום פֿאַר אַ פֿאַרונריקטן מיליאָן פֿונט שטערלינג. שאַפּיראָ איז אַריין אין די פֿעדערן! געוואָרן אַן עושר.

איז דאָך די וועלט פֿאַסקודנע איינגעשטעלט; מענטשן האָבן גרויסע אויגן איינער אויפֿן צווייטן, און מען פֿאַרגינט נישט דעם ביסן וואָס מען לייגט אין מויל אַריין. מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט אַ פֿראַנצויזישער מומחה באַוויזן, אַז שאַפּיראָס "אוצר" איז לא היה ולא נברא... ס'איז אַ גוט פֿאַראַרבעטע פֿאַלסיפֿיקאַציע... דאָ איז געוואָרן אגיל ואשמח! היות דער משומד, דער שווינדלער, האָט געזען, אַז די בראָך איז פֿאַרטיק, ער וועט שוין מיט קיין גלייכע ביינער פֿון עסק נישט אַרויס, האָט ער גענומען און געעפֿנט דאָס פֿענצטער פֿון האָטעל-צימער אין דער שטאָט ראָטערדאַם ווו ער איז איינגעשטאַנען - און אָן אַ פּאַס און אָן אַ וויזע אַריבער אויף יענער וועלט...

* *

נאָך שאַפּיראָס אַוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט אין יאָר 1924 אָפּגעקויפֿט דאָס הויז דער ד"ר טיכאָ. אַ ייִדישער אַרכיטעקט פֿון דייטשלאַנד, דער זעלבער וואָס האָט געבויט דעם אוניווערסיטעט אויף הר הצופֿים, האָט דאָס הויז איבערגעאַרבעט, געמאַכט אַ וווינונג פֿאַר די טיכאָס און אַ קליניק איינגעאָרדנט פֿאַרן געבראויך פֿון דאָקטער.

ווער איז געווען ד"ר טיכאָ?

ד"ר טיכאָ איז געווען אַ ייִד פֿון טשעכיען. נאָכן פֿאַרענדיקן מעדיצין אויפֿן אוניווערסיטעט אין ווין, איז ער עולה געווען קיין ירושלים און זיך דאָ גענומען צו חלוצישע אַרבעט אויף זיין געביט. מטעם דער חברה "למען ציון" פֿון פֿראַנקפֿורט, האָט ער גענומען אָנפֿירן מיט אַ שפּיטאָל אין ירושלים. לאָמיר באַמערקן - ד"ר טיכאָ איז געווען אַ בריה נפֿלאה צו היילן קראַנקע אויגן.

אויפֿן נאָענטן מזרח האָט בשעתו געפּאַנעוועט די שרעקלעכע קרענק פֿון טראַכאָמע. מענטשן זענען בלינד געוואָרן אויפֿן אייביקן לעבן. האָט ד"ר טיכאָ אַרויפֿגעשאַרצט די אַרבל און גענומען מלחמה האַלטן מיט דער טראַכאָמע. מיט אַן אומדערמידלעכן אימפּעט האָט ער געהיילט מענטשן, און בסוף באַקעמפֿט די מוראדיקע קרענק.

דער ייִדישער רופֿא איז געוואָרן אַ לעגענדע. אַ נר בישׂראל וואָס גיט ליכט בלינדע אויגן! ער איז מפֿורסם געוואָרן ברייט און ווייט. פֿון די מרחקים פֿון מצרים, טערקיי, און אַפֿילו פֿון אינדיע - איז מען געקומען נאָך הילף צו ד"ר טיכאָ קיין ירושלים. געהיילט האָט ער רייך און אָרעם. ער האָט געהיילט שטיין-רייכע אַראַבישע עפֿענדיס און אָרעמע פּויערים. אָפּגערעדט פֿון אָרעמע ייִדן. מילא, די אַראַבער, זיי זענען אויסגעגאַנגען פֿאַר זיינע טריט.

ווען אברהם טיכאָ איז אַריבער אין זיין קליניק, אין הויז וואָס מען רופט היינט "בית טיכו", פלעגט דער גאָרטן דאָרט זיין פול מיט אייזלען און קעמלען, מיט וועלכע די אַראַבער זענען געקומען צום יידישן דאָקטער נאָך אַ רפואה. טויזנטער אָפּעראַציעס האָט דער דאָזיקער ייד אין זיין לעבן דורכגעפירט.

ד"ר טיכאָ האָט זיך אויך פאַרנומען מיט מעדיצינישער פאָרשונג, געהערט צו אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און זוכה געווען צו אַ סך אויסצייכענונגען. צווישן יידן איז ער געווען אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה און פאַרדינט אַ סך כבוד און אָנערקענונג. בשעת דער באַפרייונגס־מלחמה אין 1948 האָט ד"ר טיכאָ געראַטעוועט אַ סך – אַ סך פאַרוואונדעטע חיילים.

מחוץ מעדיצין האָט ד"ר טיכאָ געהאַט אַ נייגונג צו זאַמלען חנוכה־לאָמפּן. זיין אימפּאָזאַנטע קאָלעקציע נעמט אַרום חפצים מארבע פינות עולם. אַ גרויסער טייל פון דעם רייכטום איז היינט אין באַזיץ פון מוזיאון ישראל בירושלים.

דאָס הויז פון פאָרקפאָלק טיכאָ איז זייט 1924 ביז דער פטירה פון דאָקטער געווען אַ בית ועד לחכמים וסופרים. דאָרט האָבן זיך געטראָפן די פני פון ירושלים. דאָרט פלעגן אַריינקומען קינסטלער פון יעדן אָפּצווייג, שרייבער און דענקער, רעליגיעזע מנהיגים און פּאָליטישע מנהיגים – און דווקא נישט בלויז יידן. נישט געווען צו יענער צייט אַ דורכפאָרער מיט אַ שם ער זאָל נישט זיין צו גאַסט ביי די טיכאָס. זייער הויז האָט געבראַנגט כבוד דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַספּעקט פון ירושלים.

דעם מענטש־ד"ר טיכאָ, מיטן דראַנג זיינעם מקיים צו זיין די מצווה פון אונדזער "ואהבת", דאָס זעט איר אינעם וואונדערלעכן פּאָרטרעט וואָס אַננאַ, זיין געטרייע לעבנס באַגלייטערין, האָט מיט שנעלע שטריכן אויסגעפורעמט פון דעם "איש תמים".

* *

אַננאַ טיכאָ איז געווען אַ קינסטלערין פון אַ הויכער מדרגה. פון אירע שאַפונגען מיט אַ יחידיש־ברויזנדיקן קלאַנג, דערגייט צו אונדז איר זעלטענע ליבע צו ירושלים. און דאָך מאָדנע שבמאָרנע – אויף דער וועלט האָט זי געהאַט אַ סך אָנזען נאָר אין לאַנד פון אונדזערע אבות האָט זי קיין הצלחה נישט דערלעבט. אָבער נישקשה...

אין איינעם אַ טאָג האָט באַזוכט איר אַטעליע דער גרויסער זשאַק ליפשיץ. צומאָרגנס האָט ער אַוועקגעשיקט צו אַננאַ אַ בריוול בזה הלשון: "גלייך נאָר ווי כ'האָב געזען אייערע צייכענונגען האָב איך דערפילט אין זיי די האַנט פון אַ מייסטער. איר האָט מיט אַן אָרעמען בלייפעדער באַוויזן צו אַנטפלעקן דאָס ליכט, ווי אויך די אַטמאָספער פון לאַנד, אין וועלכן איר זייט פאַרליבט. איר זייט טאַקע אַ גרויסע ווירטואָזין, אָבער אָן אייער ליבע צום לאַנד, וואָלט איר צו דעם נישט דערגאַנגען".

הכלל, זשאַק ליפשיץ האָט געזען און פאַרשטאַנען!

אַננאַ איז צו 18 יאָר געקומען, געזען און זיך פאַרליבט אין דער עיר הקודש. אַ מיסטיש געפיל האָט זי צונויפגעקניפּט מיט דער שטאָט. איינגעוועבט און פאַרפלאָכטן איז זי געוואָרן אין דער רעאַליטעט פון ירושלים. ובכן, האָט זי דער שטאָט געווידמעט איר גאַנצע קונסט. זי האָט ירושלמים קיין מאָל אויף לאַנג נישט פאַרלאָזט; טייל מאָל געפאָרן בלויז אויף קורצע באַזוכן קיין אויסלאַנד.

אַננאַ טיכאָ איז געבוירן אין 1894 אין דער טשעכישער שטאָט ברין; איר משפחה איז געווען באַאיינפלוסט פון דער דייטשישער קולטור. קינדווייז איז איר משפחה אַריבער קיין ווין ווו געבליט האָט קולטור און קונסט. גאַנץ יונג האָט זי גענומען באַזוכן מוזעומס

און אויסשטעלונגען און דערפילט דעם דראַנג צו מאָלן, האָט אַננאַ צו 14 יאָר גענומען לערנען אין אַ קונסט־שולע.

צו 18 יאָר האָט זי חתונה מיט איר קוזין, דעם נאָר וואָס פּאַרענדיקטן ד"ר טיכאָ, אוןביידע זענען עולה קיין ירושלים. אָפּטע שפּרונגען מאַכט אַננאַ קיין ווין - זי באַזוכט דאָרט מוזעומס און לערנט פון די צוויי גרויסע מייסטער דירער און ברעגעל. ביי זיי האָט זי געלערנט דאָס פּאַך פון אומגיין מיטן בלייפעדער, די חכמה פון קאָמפּאָנירן אַ בילד, די הלכה פון פּערספּעקטיוו, ואחרון אחרון די גרויסע תורה פון קוקן און זעען. פון ווין פלעגט זי ברענגען רעפּראָדוקציעס, זיי אַנאַליזירן און צעלייגן אויף טעלערלעך. בשעת אירע אָפּטע באַזוכן אין ווין האָט זי אָבסערווירט די נייע קינסטלערישע שטראָמען, וועלכע האָבן רעוואָלטירט קעגן דער סקלעראָזע פון אַקאַדעמיזם. "טיש" האָט דאָ געפירט גוסטאַוו קלימט. אין מרידה־קעגן דער יצירה "ווי דער רבי האָט געהייסן", האָט ער געשאַפן אַן אָרנאַמענטאַלן סימבאָליזם מיט אַ פרישער גרעאַנק דימענסיע. די יונגע (אָסקאַר קאָקאָשקאָ צ.ב.) האָבן די נייע שטראָמען פאַרשטאַרקט און דערגאַנגען ביסלעכווייז צום עקספּרעסיאָניזם און דעפאָרמירונג.

די נייע ווינער ווינטן האָבן צו ביסלעך משפּיע געווען די יונגע אַננאַ, וועלכע איז בעצם געווען אויסגעשטעלט אויף אירע אייגענע כוחות - אויף איר פייערדיקן טאַלאַנט, אויף איר בליציק אויג, אויף איר טעמפּעראַמענט און זעלטענעם דורשט צו לערנען און פאַרשטיין.

די ארץ־ישראלדיקע קונסט, אַנגיפירט דעמאָלט דורך באָריס שאַץ מיט זיין "בצלאל"־שולע, האָט אַננאַס עסטעטישן געשמאַק נישט באַפרידיקט.

שאַץ איז געווען אַ ווילער ייד. אַן ענטוזיאַסט צו שאַפן אַ "יידישן סטיל". ביי אים האָט דאָס באַטייט - אַוועקוואַנדערן אינעם כישוף־לאַנד פון דער תנ"כישער טעמאַטיק און אויסמאָלן אַן אימאַגינירטע ארץ־ישראל אַטמאָספער. דערמיט האָט שאַץ געגלויבט, אַז ער איז מקיים דעם חיינו ואורך ימינו אין דער קונסט.

אַנגאַן האָט תורת שאַץ נישט איבערצייגט. להיפוך צו אים און צו זיינע חסידים האָט די יונגע קינסלטערין באַגריפן, אַז אויסטאָן דאָס לעבן פון זיינע קאָנטורן, אַוועקנעמען דעם זויערשטאָף צו אָטעמען, דאָס איז נישט קיין "חיינו" און אַוודאי נישט קיין "אורך ימינו" פון קונסט. בילדער באַפּוצטע מיט טויטע בלימעלעך און פאַרוועלקטע קרוינען האָבן דעם טעם פון אַנאַכראָניזם. לפי אַננאַ טיכאָ מוז די יצירה באַגלייטן דאָס קאָכעדיקע לעבן, מאָלן מוז מען מיטן אייגענעם אָטעם!

אַוודאי האָט זי פאַרשטאַנען, די יונגע קינסטלערין, אַז אין דער ארץ־ישראל קונסט האָט נאָר וואָס גענומען שאַריען אין די פענצטער, מען זוכט אַן אַדעקוואַטן שעפערישן וועג, מען זוכט דעם געבענטשטן אוצר.

שעפעריש לעבן אָבער האָט געהייסן ביי איר קוקן און זען! און נישט קוקן בלויז מיט די אויגן, אלא קוקן אויך מיט דער נשמה!

צוליב אַזעלכע רעיונות איז אַננאַ, אין דער ישראל־קונסט, געווען איזאָלירט. זי איז דאָך אַוועק מיט איר אייגענעם וועג. זי איז אַוועק צייכענען די לעבעדיקע ווינקלעך פון ירושלים און מחוץ ירושלים. פאַרכאַפּט האָט איר דעם אָטעם דער קאָסמישער פּאַרנעם פון די הרי יהודה. זי איז געוואָרן אַ שפּאַנעריין איבער די ווינקלען פון צעגליטן באַרג־פּייזאַזש. און אויב האָט באָריס שאַץ, מיט אויסגעבענקטע אויגן געזוכט דעם ארץ־ישראל סטיל, האָט אַננאַ אים געקאָנט ענטפערן מיטן זאָג פון פּיקאָסאָ - "איך זוך

נישט, איך געפֿין".

פֿון אַנגאַס שירוך מיט די הרי יהודה זענען געבוירן געוואָרן צעוויכערטע פּייזאַזשן געזען מיט אָפֿענע, ניכטערע אויגן. זייער רעאַליזם האָט חן, גייסט און נאָבלקייט. זיי כוואַליעווען, די הויכקייטן פֿון הרי יהודה, עלעהיי זיי וואָלטן מיט די בלויע הימלען אַ העפּטיקן דיספּוט געפֿירט. וווּ־נישט־וווּ רייסט זיך דורך אַ ראַכיטיש געוויקסל און באַווייזט דעם הימל, אַז יאַקאָש לעבט מען דאָך. אַנגאַס צייכענונגען שרייען מיט כוח: דער מדבר וויל לעבן!!!

אין אירע רחבותדיקע פּייזאַזשן - אַ וועלט, אַ גאַנצע - פֿילט איר דעם אָטעם פֿון אונדזערע אבות, וואָס האָבן די געוויקסלעך פֿאַרפֿלאַנצט אפֿשר און זיי באַוואָסערט. מיט אַ לירישער עשירות צייכנט די קינסטלערין, דרוקא ודוקא, די געוויקסן אויפֿן פּאָן פֿון גליאיקן מדבר. אַנגאַס קאָסמישע פּאַנאָראַמעס, געצייכנט מיט אַ מאָרנעם אימפּעט, דערציילן וועגן דעם. פֿאַטאָס און מיסטעריע פֿון תנ"ך־לאַנד מער, ווי די ביבליש־ראָמאַנטישע בילדער פֿון שאַצס חסידים.

אַנגאַ טיכאָ האָט אָבער אין ארץ־ישׂראל קיין מזל נישט געהאַט; הגם, אין דער וועלט האָבן מוזעומס און קאָלעקציאָנערן געקויפֿט אירע אימפּעטיקע פּייזאַזשן, האָט זי אין לאַנד אירע בילדער אויסבאַהאַלטן פֿאַר אַ פֿרעמד אויג. איינצלנע מבֿינים בלויז האָבן איר פֿאָרויסגעזאָגט אַ שיינע צוקונפֿט.

טשיקאַווע, אין אירס אַ בילד, געצייכנט מיט אַזוי ווייניק מיטלען, איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל תוכן. ווען די קינסטלערין טוט מאָלן אַ בוים אין מדבר, בייסט זי זיך איין אין אים מיט ציין און נעגל. זי צייכנט געטוי זיין "פּאָרטרעט", זיין "לעבן" אין דער אומרחמנותדיקער טריקעניש. מיט רעאַליסטישער פּינקטלעכקייט קומט אַרויס יעדעס שפּראָצעלע פֿון זיינע נעבעכדיקע צווייגן, מיט עקשנות פֿורעמט זי יעדן בייג פֿון זיין צעדרייטער געשטאַלט - אַ רעזולטאַט פֿון ביטערן קאַמף מיט די מדבר־ווינטן. אין אויסגעפֿורעמטן בוים איז פֿאַרקנאָטן אַ ליבשאַפֿט; גאָלדענע שאָטנס פֿון אַ הערלעכער צייט דערבליקט אַנגאַ אין אים. אין אירע געצייכנטעביימער איז פֿאַרקנאָטן דער ניגון פֿון אויסדויער. שעפּטשעט די קינסטלערין בשעת היצירה. "ב׳וועל געבן מיין האַנט דעם פֿאַרשמאַכטן" (דוד האָפּשטיין). און ווען אַנגאַ איז פֿאַרטיק שוין מיט די געצייכנטע "פּאָרטרעטן", נעמט זי זיך דערמאָלט צום ברייטן רחבֿתדיקן מדבר פּייזאַזש, וווּ די הרי יהודה טוען אין אַ מעלאָדישער שפּיל פֿון באַרג־כוואַליעס דערלאַנגען זייער שירה דעם בלוי פֿון די הימלען.

בעצם, זענען דען נישט די אָרעמע ביימער, וואָס וואַקסן על פּי כן אין דער אומפֿריינדלעכער ערד פֿון מדבר, די סימבאָלישע צורה פֿון ייִד, וואָס קיינע שטורעמס האָבן אים פֿון דער אדמת הקודש נישט אויסגעוואָרצלט?

בשעת איר באַוווּנדערט די צעשויבערטע ווערק פֿון דער קינסטלערין, דאַכט זיך אייך - אָט הערט איר דעם מזמור וועלכן די ראָמאַנטישע דיכטערין רחל האָט געזונגען צום הר גלבוע, "ים מיך אַרום / כוואַליע מיך דורך / כאָטש דו זאַמסט מיך אָוועק / בלייבט מיין אויער אַ מושל / ווו עס דונערט / וווּ עס פּערלט דיין קול" (ייִדיש - ז. שז"ר).

אין די יאָרן 1930-50 האָט אַנגאַ טיכאָ אויך געצייכנט דעם מענטשלעכן טיפּאַזש פֿון ירושלים; דאָס זענען פּאָרטרעטן פֿון פֿרויען און מענער, וועמען די ליכטיקע זון האָט נישט באַליכטיקט מיט אַ ביסל פֿרייד און גליק. אַנגאַ האָט ליב געהאַט צו פֿאַראייביקן דעם פֿאַרהאָרעוועטן אָרעמען מענטש. ער איז געווען פֿאַר איר דער פּערסאָנאַזש פֿון

גרוניא סלוצקי־קאַהן / מאָנטרעאָל

## האַרבסט

אַ געמיש פון גאָלד און זילבער,
קוקט אַריין צו מיר אין פענצטער
און מיט אוים, ווי אַ געשפענסט
קוקט אַריין די שטילע עלטער.

און די האָר באַדעקט מיט זילבער,
און די אויגן פול מיט טרויער,
און דער טראָט איז ניט דער זעלבער,
און דער פנים אַזאַ גרויער.

איז מיין לאַנגער וועג צו ענדע?
איז מיין שטערן אויסגעלאָשן?
כ'האָב מיין ליד נאָך נישט דערזונגען,
אַ קאַפּיטל נישט דערשריבן,
שוין האָסטו מיין טיר פאַרזיגלט?
לאָזט מיך ניט אַרויס אין דרויסן
און מיט דעם טוסטו זיך גרויסן?

ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבן
לעם מיין הויז אַרומשפּאַצירן.
יעדן טאָג אַ פרישן קרבן
צו דער גילעטינע פירן?

ביסט אַ גנב, ביס אַ גזלן
צוגערויבט דעם לעצטן שטראַל,
דעם פונק פון האָפן.
צערונען אַלע זיסע טרוימען,
פאַרבליבן גאָרנישט - בלויז די נאַכט...
אַ געמיש פון גאָלד און זילבער
קוקט אַריין צו מיר אין פענצטער.
ניין, דאָס איז ניט קיין געשפענסט.
ס'ווערט מיר קאַלט, איך זיץ און ציטער,
ס'ווערט אַלץ קעלטער,
ס'קוקט אַריין די גרויע עלטער...

---

דער ירושלים־פּאַנאָראַמע, געווען דער רעאַליזם פון לעבן און נישט עפּעס אַן אינטעלעקטועל־אימאַגינירטער תנ"ך־העלד. אַננאַס שאַפונג איז אַ קאָנטינועלער דיאַלאָג מיט ירושלים, מיט אירע תושבים און איר נאַטור.

מיט די יאָרן, ווען די קינסטלערין איז נישט בכוח געווען צו נעמען אירע "כלים" און אַרויסגיין צו די הרי יהודה, האָט זי זייער גלאָריע און תוכיקן סך־הכל געצייכנט און געמאָלן אין איר אַטעליע. אירע געפילן האָבן דעם פייזאַזש מעטאַמאָרפאָזירט; דאָס וואָרט האָט דאָ באַקומען דער חלום. אַננאַ טיכאָ פלעגט אירע פייזאַזשן לרוב צייכענען אין שוואַרץ־ווייס; טייל מאָל צוואַרפן אַ קאָליריקן שטריך, סיידן ווען זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַקוואַרעל. זי איז בעיקר אַ צייכנערין. ווען די קינסטלערין איז אַריין אין געמיט פון רואיקייט, פלעגט זי מאָלן בלומען, בפירוש פילפאַרביקע ניגונים - פּאָזיע פון אַ הימל־בלוי.

זאַט אין יאָרן, פלעגט אַננאַ מאָלן מיניאַטורן - פאַרביקע פייזאַזשן אין אַבסטראַקטן לשון מיט טעם פון פאַרטראַכטע מחשבות.

די קינסטלערין איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 86 יאָר. אין 1980, ביים לעבן נאָך, האָט זי איבערגעאַרבעט איר הויז, כדי נאָך דער פּטירה זאָל דאָרט זיין אַ קולטור־צענטער. ובכן, געפינען זיך אין "בית טיכו" בילדער פון דער קינסטלערין, דער איינגעאָרדנטער קאַבינעט פון ד"ר טיכאָ, ווי אויך אַ טייל פון זיין קאָלעקציע חנוכה־לאָמפּן. אין אַ גרויסן זאָל ווערן אויפגעהיט דאָקומענטן, אַננאַס אַבסטראַקטע מאָלערייען, קאַטאַלאָגן פון אירע אויסשטעלונגען אין אויסלאַנד און אַנדערע וויכטיקע סימנים פון איר וווּנדערלעכער עקזיסטענץ.

## לאה שלאָסמאַן / פלאָרידע

### אויפן ברעג ים

דאָ ווו גרין־בלאָ וואַסער
לעקט דאָס ווייסע זאַמד,
שפּאַצירן שטראָמען מענטשן
פון סאַמע זון אויפגאַנג.

כאָטש עס בלאָזט אַ ווינטל
טראָגן קנאַפּע באַדקאָסטיומען
איינצוזאַפּן טראָפּנס זון,
אָפּגעברוינט אַ היים צו קומען.

גוט אַ מאָל אַראָפּצוואַרפן
דעם יאָך פון נעכטן, פאַראַיאָרן,
פאַרשאַפן זיך אַ פּאָר שעה אָפּרו,
איבערלאָזן אַלע זאָרגן.

פאַרשווונדן נעכטן, פאַראַיאָרן,
און דער מאָרגן, ווייל ער קומט.
זיכער נאָר דער איצט, די רגע - -
זיס אַרומכאַפּן דעם היינט.

### מיין אוצר

די אַכט און צוואָנציק יאָר
וואָס איך וווין אין מיין הויז
זעט עס מיר אויס
בלויז - אַ הויז.

אַ קליינס.
נישט באַזונדערס שיין
בלויז אַ הויז. צימערן, אַלמערס -
אָפט האָט זיך מיר פאַרגלוסט
אַ בעסערס.

אָבער זינט כ׳האָב באַשלאָסן
דאָס הייזל פאַרקויפן,
באַקומט יעדעס ווינקל -

ווי אַרויס פון אַ שלייער -
אַ שיינקייט, אַ רייכקייט,
אַ חן אַ נייעם.

מיט זכרונות באַלאָדן,
גליק, טרויער, לאַנגע יאָרן,
די קינדער אויסגעוואַקסן,
די עלטערן פאַרלאָרן...

און אַן אומגעריכטער געדאַנק
נעמט זיך בויען - -
ווי קען איך מיין אוצר
אַ פרעמדן פאַרטרויען?

דעם וויצע־פּאָרזיצער פון יידישן קולטור־קלוב אין ל.א.
דעם לאַנגיאָריקן געזעלשאַפטלעכן טוער

**צבי הירש**

און זיין פרוי

**טאָני**

צו זייער גאָלדענער חתונה - די האַרציקסטע ווונטשן
אויף לאַנגע יאָרן צוזאַמען, עד מאה ועשרים!
פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור קלוב
רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"

חנן קיעל

# אויפן ווינט פון זכרון

## פון באַלטיק־ים ביז די זאַקאָפּאַנע בערג

געהייליקט מיין ברודער
וואָוועק מיט זיין פרוי און קינד

אין יאָר ווען פוילן האָט צוריקגעווינען איר אומאָפּהענגיקייט האָט ווערסייל באַשטימט דעם דאַנציקער קאָרידאָר ביים באַלטישן ים ווי אַ פרייע באַזונדערע מלוכה. פוילישע בירגער האָבן געהאַט דאָס רעכט דאָרט צו וווינען, אָבער דאָמינירט האָט אין יענער פריישטאַט די דייטשע שפּראַך, קולטור און פּאָליטישע אָריענטאַציע. די דייטש־יידישע קהילה פון צען טויזנט בירגער מיט זייער קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן איז אויך געווען פאַרבונדן מיטן דייטשן פאָטערלאַנד. די שול ביי דער רייטבאַן, וואָס איז אויך געווען אַ קולטור־צענטער, האָט פאַרבעטן אויף רעפעראַטן מאַרטין בובער, ראַבינער לעאָ בעק און דייטש־יידישע וועלט־באַרימטע שרייבערס. אין דאַנציק זענען געמישטע חתונות נישט געווען קיין זעלטנקייט. די איינגעזעסענע יידן האָבן אויך אין אָליוואַ, צאָפּאָט ביים באַלטיק אָנטייל־גענומען אין דייטשן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן; געווען רייכע און מיטל־קלאַס; פּראָפעסיאָנאַלן, געשעפטס־לייטס און אַרבעטער. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן אין יענעם פרייהייטלעכן דאַנציק אַריינגעוואַנדערט פוילישע יידן, יחידים און משפחות; יונגוואַרג. פּאָליטיש־אַנטלאָפענע פון פוילן אויפן וועג קיין פּאַריז; זיי האָבן אַלע גענאָסן פון גאַסטפריינטלעכקייט און מיט דער צייט זיך עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט. די איינגעוואַנדערטע אין יענעם דעמאָקראַטישן קאָרידאָר זענען געווען געשעפטס לייט, זיך פאַרנומען מיט עקספּאָרט און פעדלעריי. אין פרייער צייט זיך אויסגעלעבט אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער קולטור, פאַרבראַכט אין יידישע סביבות, וועלטלעכע קלובן און שילן.

איך מיט מיין יינגסטן ברודער, וואָוועק, האָבן געוווינט צוזאַמען מיט די עלטערן אויף דער הייליקער גייסט־גאַססע. די אַנדערע ברידער און שוועסטער מיט זייערע משפחות האָבן געוווינט באַזונדער. אַלע זענען געווען איינגעאָרדנט מיט פרנסה און געהאַט אַ גליקלעך, צופרידן לעבן עטלעכע געציילטע יאָר, ביז...

אין דאַנציק איז די היטלעריסטישע פּאַרטיי געקומען צו דער מאַכט אין 1934. פּרעזידענט פון סענאַט איז אויסגעוויילט געוואָרן ראַושנינג, אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק, וואָס האָט אין זעלבן יאָר רעזיגנירט און אויף אַ דראַמאַטישן אופן אַרויסגעלאָזט פּלי־בלעטלעך אין וועלכע ער האָט געוואָרנט: "איר מעגט שטימען פאַר וועלכע פּאַרטיי איר ווילט נאָר נישט פאַר די נאַציס". ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. צוויי אכזריותדיקע לייט, גרייזער און דער גאַו־לייטער פאָרסטער האָבן איבערגענומען די מאַכט און פּאָליטיש זי "גלייכגעשאַלטעט" מיט דייטשלאַנד.

דאַנציק איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט דער ברוינער פּראָפּאַגאַנדע און כאָטש זי האָט זיך נאָך געמוזט רעכנען מיט די ווערסיילער־סטאַטוטן ווי אַ "פריישטאַט" האָבן זיי געפירט אַ העץ־פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן מיט פּלאַקאַטן אין די גאַסן: "יודע פאַרעקע", "יודן זינד אונדזער אונגליק" "יודן־אומגעווינטשן"; און די ברוינע יונגען האָבן מאַרשירט זינגענדיק דאָס בלוטדורשטיקע האָרסט וועסעל־ליד. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווסט

וועגן דאַכאַו, מיט שוידער געלייענט דאָס "ברוינע בוך". דאָס שיינע דאַנציק איז שוין נישט געווען צו דערקענען. וואָוועקן האָבן די נאַציס אַרעסטירט און פאַר אַ גרויסער סומע געלט איז ער דורך אַדוואָקאַטן און מאַכערס באַפרייט געוואָרן.

יענע מאַכערס האָבן געוואָרנט די עלטערן אַז זיין ברודער קען ווערן דער צווייטער קרבן. אין זעלבן טאָג וואָס וואָוועק איז אַ היים געקומען האָט די מאַמע צוגעגרייט אַ וואַליזע מיט מיינע מלבושים און כ'בין אַוועק צוריק קיין פוילן. פרילינג־1935 האָב איך געוווינט אין וואַרשע, אָטוואָצק, זיך געטראָפן און זיך פאַרבונדן מיט מיין חברטע סאַרקע. מיר האָבן חתונה געהאַט אין לאָדזש, פאַרבראַכט אַ חודש צייט צופיסנס דעם באַרג קלימטשאָק, ווו דער ציגיינער־וואַלד פירט אַריין אין ביעלסק אַ שטאָט ביי די בעסקידן.

זומער 1937 זענען מיר געווען צו גאַסט ביי די עלטערן אין דאַנציק, פאַרבראַכט אין צאָפּאָט, אַ מין מאָנטע־קאַרלאָ ביי דעם באַלטישן ים. איין יאָר שפּעטער האָט זיך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונגען אין דאַנציק ליקווידירט און איבער אַלע ימען און אָקעאַנען אַוועק ווי היימלאָזע וואָגלער איבער דער צעשפּרייטקייט פון דער וועלט. מיינע עלטערן זענען געקומען קיין לאָדזש, ווו איך האָב געוווינט מיט מיין פרוי און נאָר־וואָס געבוירן מיידעלע. וואָוועק איז נאָך אַ צייט געבליבן אין דאַנציק מיט די רעשטלעך וואָס האָבן געוואַרט צו ליקווידירן די עסקים און געווען גרייט פאַר עמיגראַציע. ביי מיין טאַטן און עלטערן ברודער איציק הערש איז געוואָרן אַוועקגענומען די פוילישע בירגערשאַפט מיטן כח פון פאַלשע באַשולדיקונגען. פוילן איז דעמאָלט געווען פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם ס'זענען פאָרגעקומען פאָגראָמען און ווידערשטאַנדן אין טשענסטאָכאָוו, פּשיטיק און אַנדערע ערטער. מיר געדעקען די טרויעריקע אַנטיסעמיטישע פּראָצעסן און ערב־חורבן שטימונג אין אונדזער שטאָט.

אין פוילן האָט דעמאָלט געהערשט אַ רעגירונג פון פּולקאָווניקעס. דער פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין אָושעם־(אדרבא) פּאָליטיק קעגן יידן. דאָס האָט געמיינט קעמפן קעגן יידן עקאָנאָמיש. פּיקעטירן מיט פּלאַקאַטן - "סוווי דאָ סוועגאָ" ביי יידישע געשעפטן און דער שחיטה־פאַרבאָט פון מאַדאַם פּריסטאָר. ס'האָבן אין פוילן געבושעוועט הפקר־ווינטן קעגן יידן מיט מיליטאַנטישע נייגונגען נאָכצוטאָן די אידיעען פון היטלער, געבעלס און שטרייכער. נישט געקוקט אויף יענעם גורלדיקן ערב־חורבן מצב האָט מיין משפחה באין ברירה פּרובירט אָנהייבן פון אַ נייעם בראשית אין אונדזער געבוירן־שטאָט טשענסטאָכאָוו, אין האַרבסט־1938.

*

אין יענער צייט האָט די ליקווידאַציע פון דעם אַכט הונדערט יאָריקן יידישן יישוב אין דאַנציק זיך אָפּגעשפּילט אין דער גרויסאַרטיקער שול ביי דער רייטבאַן. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די לעצטע טויזנטער דייטש־רעדנדיקע דאַנציקער יידן, די פירער פון דער קהילה האָבן מיט טיפן באַדויער אָבער אויף אַ רעצידירנדיקן אופן דערקלערט אַז די שול מוז ווערן פאַרקויפט באַנאַנד מיט אַלע קלענערע שולן אַ חוץ די שוין פאַרברענטע און אויך דאָס קהילישע גרונט־אייגנס מיט די בית עלמינס מוזן ווערן פאַרקויפט. אין פראָנט פון דער פאַרזאַמלונג איז געזעסן דער פּאָליציי־פּרעזידיום און די געסטאַפּאָ־לייט, נאָך אַ ריינגענישט איז אַלץ פאַרקויפט געוואָרן פאַר 300 טויזנט דאַנציקער גולדן. די תורות, מנורות, ספרים בילדער און אַלערליי תשמישי קדושה זענען געוואָרן פאַרפּאַקט אין גרויסע קאַסטנס, אויפגעלאָדן

אויף שיפן אין דאַנציקער האַפן און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער טעאָלאָגישן סעמינאַר. אַזוי איז דאָס קהילה־אייגנטום פּאַרקויפט געוואָרן צו ראַטעווען יידישע לעבנס, צען טויזנט יידן. פּאַרן געלט האָבן זיי געדונגען שיפן פאַר דער אַנטרינונג פונעם פּריישטאַט. די ערשטע עמיגראַנטן זענען געווען די קינדער פון יתומים־הויז, צווישן זיי – צוויי שוועסטערס: טרודע, 13 יאָר אַלט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן קיין לאָנדאָן און אַ ייִנגער שוועסטערל דאָראַ, וואָס איז אָנגעקומען אין תל אביב. ביידע זענען געוואָרן די שוועגערינס פון מיין ברודער וואָוועק.

געבליבן אין דאַנציק זענען נאָך קליינע רעשטלעך וואָס האָבן אין די אָוונטן פאַרבראַכט אין זאַל פון פריעריקן קולטור־בונד און דאָרט האָט מיין ברודער זיך באַקענט מיט דער נייַנצן יאָריקער פריינדין רוטאַ, זיך אָפּט געטראָפן, צוזאַמען פאַרבראַכט מיט איר; צוויי פאַרליבטע אין געווימל פון דער טראַגעדיע גרויש־דאַנציק. נאָכן ליקווידירן דעם טאַטנס געשעפטן זענען ביידע געקומען קיין לאָדזש. דאָ האָבן זיי אין אַן ענגער משפחה־מסיבה חתונה געהאַט כדת משה וישראל. וואָוועק און רוטאַ זענען געווען דאָס שענסטע און ייִנגסטע פּאָרל אין דער משפחה. שפּעט אין זומער 1939 איז געבוירן געוואָרן זייער טעכטערל חוה.

2

וואָוועק איז געווען זעקס יאָר ייִנגער פון מיר. ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר האָב איך שוין געלערנט אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע. אין די מאַי טעג האָט די מאַמע דערלויבט אים מיטנעמען און שול. ער האָט זיך געשפּילט אויפן הויף און געוואַרט אויף מיר בעת די הפסקות. נישט געקוקט אויף מיינע באַזונדערע אינטערעסן אין ספּאָרט, אין דער אָרגאַניזאַציע, האָב איך זיך מיט אים אָפּגעגעבן מיט ליבשאַפט און זאָרג, מיטגענומען אין פּאַרק, אין צירק, אויף קאַרוזעלעס; געקלעטערט אויף דעכער, געשיפלט זיך אין טייך, וכדומה. צו צוועלף יאָר איז ער געגאַנגען אין גימנאַזיע און ווי איך געווען אין השומר הצעיר. צו זיינע פופצן יאָר איז ער אַוועק מיט אונדזערע עלטערן קיין דאַנציק און איך האָב אָנגעהויבן מיין מיליטער־דינסט. נאָך דריי חדשים בין איך אַריין אין מיליטערישן אָרקעסטער ווו כ'האָבן אָפּגעדינט אַ יאָר צייט. פון דאָרט זיך קאָרעספּאָנדירט מיט מיין חברטע סאַרקע קוטנער פון דער שומרישער אָרגאַניזאַציע און מיט וואָועקן וואָס האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויף מיין קומען קיין דאַנציק, - אונדזער שפּאָגל נייַע היימשטאָט. דאָרט זענען מיר ביידע געוואָרן חברים אין אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן קלוב, ווו ס'האָט אויך פונקציאָנירט אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישער קרייז. מיר האָבן ביידע פאַרבראַכט צוזאַמען, געאַרבעט אין טאַטנס גרויסן הורט־געשעפט און אין די אָוונטן מיט פריינד זיך געטראָפן אין קלוב, אין טעאַטער, אָפּערע, טאַנץ־זאַל, ספּאָרט, און זומער - אין הויבורע געשווימען אין באַלטישן ים.

וואָוועק איז געוואָרן ערנסטער, העכער פון מיר, ביז גאָר אַ טויגעוודיקער פאַרקויפער אין טאַטנס געשעפט. איך האָב זיך פאַרנומען מיט מאָלן רעקלאַמעס, פּלאַקאַטן, קלוב־טעטיקייטן, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע פּראָגראַמען וכדומה קולטור־ענינים. הגם איך האָב אויך געאַרבעט אין געשעפט, ס'איז דאָך געווען אונדזער פּרנסה, איז וואָוועק געווען דער ענערגישער און ווי אונדזער טאַטע - אַ געניטער סוחר און געשעפט־אַדמיניסטראַטער.

*

מיט וואָוועקס פרוי האָב איך זיך ערשט באַקענט אין 1938, ווען זי איז געקומען קיין לאָדזש. אירע עלטערן זענען געווען געבוירענע דאַנציקער; די מאַמע איז געווען אַ גרה. זיי האָבן געפירט אַ טראַדיציאָנעל יידיש הויז. דער פאָטער אַ גימנאַזיע־לערער, איז געווען אַקטיוו אין דעם יידישן קהילה־לעבן אָבער זיי האָבן אויך געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער מאַמעס משפחה. די עלטערן זענען יונג געשטאָרבן, צוערשט די מוטער, דערנאָך דער פאָטער, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ צוואה, אַז די יידישע געמיינדע זאָל זיך פאַרנעמען מיט די דריי יתומות און זיי זאָלן דערצויגן ווערן ווי געטרייע יידישע טעכטער. מיט די קינדער האָבן זיך אויך אינטערעסירט דיי מוטערס דייטשישע משפחה, די נישט יידישע "אָומאַ" און אויך די אָנקלס, טאַנטעס און קוזינען פון דאַנציק און פון דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך קאָרעספאָנדירט מיט רוטאַ אפילו ווען זי האָט שוין געוווינט אין פוילן; די בריוו זענען געווען גאָר וואַרעמע, משפחהדיקע. איך האָב מיין יונגע שוועגערין געוויזן דאָס יידישע לאָדזש פון דער פּיאָטרקאָווער ביז באַלוט. זי האָט קיין מאָל נישט געזען אַזוי פיל יידן, יידישע גאַסן, פאַבריקאַנטן־וועבערס, יידישע געשעפטן אויף נאָוואָמיעיסקע, די אָגראָדאָווע האַלעס; די רייכקייט און אָרעמקייט; פּאָזנאַנסקיס פּאַלאַץ אין מיטן שטאָט און דער באַלוט; פאַרשמייעטע יידן אין יידישע רונדיקע היטלעך, קונצנמאַכערס און הויף־זינגערס. רוטאַ האָט נישט גערעדט נישט קיין פויליש, נישט קיין יידיש, זי איז דערצויגן געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך און קולטור.

ראָ, אין לאָדזש, איז זי געווען פאַרבליפט פון דער אַנדערשקייט, אַ מין עקזאָטיק פון יידיש געררייד, צייטונגען, טעאַטער; פרומע יידן און וועלטלעכע יוגנט; זי האָט ס'ערשטע מאָל געזען די יידישע וועלט. אין דעצעמבער 1938 האָט אונדזער גאַנצע משפּחה, נאָך כמעט צען יאָר, ווידער זיך איבערגעבעטן מיט טשענסטאָכאָוו, בלויז דער עלטסטער ברודער מיט זיין פרוי און דריי קינדער זענען אַוועק קיין אַמעריקע. מיינע עלטערן האָבן געדונגען אַ גרויסע דירה פון צען צימערן מיט באַקוועמלעכקייטן ווו מיט זיי צוזאַמען האָבן דאָרט געוווינט מיין שוועסטער מיטן מאַן און צוויי קינדער, וואָוועק, רוטאַ און אויך מיין משפּחה. איין ברודער, איציק הערש מיט זיין פרוי און טאָכטער האָבן זיך געדונגען אַן אייגענע ווינונג, מחוץ דעם שבט.

רוטאַ האָט זיך קאָרעספאָנדירט מיט דער באָבע פון דאַנציק. זי קריגט בריוו פון אירע דייטשע קוזינקעס אין לייפּציג. גרייטל שרייבט איר מיט באַגייסטערונג וועגן די רעדעס פון היטלערן; וואָלסטו געווען אין פאַראַד, געזען דעם פירער און געהערט אים רעדן וואָלסטו אויך געווען אַנטציקט. רוטאַ האָט טרויעריק געשמייכלט: פאַרשטייען זיי נישט, אַז מיר זענען איצט צוויי וועלטן? זי לייענט אויך פאַר מיר די פאַרטרערטע בריוו פון אירע - צוויי שוועסטערס, פון לאָנדאָן און תל אביב, ווו די יידן האָבן אויפגענומען די עלנטע קינדער מיט רחמנות און ליבשאַפט. טייערע שוועסטער, שרייבט טרודע פון לאָנדאָן: "ווי גוט וואָלט געווען ווען מיר זענען ווידער אַלע דריי צוזאַמען ווי אין דאַנציק". זיי האָבן צעריסן אונדזער קליין משפּחהלע, האָט רוטאַ טרויעריק געשעפּטשעט.

*

טשענסטאָכאָוו האָט זיך אַ סך געביטן. אין די העכערע גאַסן נענטער צו דער באַן, צו דער "דייטשער" שיל, די אַלייען מיט געשעפטן, איז די שטאָט געוואָרן שענער, עלעגאַנטער. נידעריקער אַראָפּ צו דער אַלטער שיל, צו דער בריק פון דער וואַרטע,

אויף דער "געצעווזינע" האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט. דאָרט לעבט דער דלית. טשענסטאָכאָווּ איז געוואָרן אַ שטאָט פון טוריסטיק פאַר קאַטוילישע פּילגרימס וואָס האָבן זיך געצויגן פון גאַנץ פּוילן צום היסטאָרישן קלויסטער און מיטלאַלטערלעכער פעסטונג אַרום דער יאַסנאַ גוראַ.

מיר האָבן געוווינט אויף דער עלעגאַנטער צווייטער אַליי קעגנאיבער דעם מאַגיסטראַט. אויף דער נאַכט צום שלאָפן גיין האָבן די קלויסטער - קלאָקן פאַרוויגט די שטאָט מיט פרומע קלאַנגען און אין דער פרי האָבן זיי אויפגעוועקט "באָגוזש פּאָכוואַלאָן באָזשע וויעלקי" (געלויבט זיי גרויסער גאָט) ווי להבדיל. - אַ גויישער מודה אני.

די פּוילישע הייזער אין דער דריטער אַליי און לעבן די צווי פּאַרקן האָבן געהאַט לאַנגע הויפן מיט סעדער און גאָרטנס. סיי די רייכע פון די פּריצישע הייזער, סיי די אַרבעטערס וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין יידישע פאַבריקן, האָבן געוווינט אין געגנטן פון ביימער און בלומען־גערטנער. מיין באַבעשי פלעגט אַמאָל דאָרט איינקויפן פּריצישע אַנטיקן ביי אירע עלטערע "אָזשעקאָוועס".

אָבער היינט איז אַנדערש. היינט האָבן די גויים איין און איינציקע זאָרג: פּטור ווערן פון די יידן. זאָלן זיי פאָרן קיין פּאַלעסטינע. די פּוילישע הערצער זענען געווען אָנגעזאָפּט מיט האָס, אויפגעהעצט פון די גלחים, ענדעקעס, פּויערים־פּאַרטיי און פון דער רעגירונג אַליין.

מיין דאַנציקער שוועגערין האָט דאָ געזען אַ צווייטע וועלט אַרום זיך, אַנדערש ווי אין דאַנציק אָבער די זעלבע שנאה צו יידן. איך האָב איר דערציילט וועגן די שבתדיקע שפּאַצירן פון אונדזער יוגנט אין די אַלייען און פּאַרקן, אין קינאָס און קאַוויאַרניעס מיט טאַנץ־מוזיק. היינט זענען די אַלייען אומעטיקער און די פּאַרקן זענען אַ סכנה פאַר יידן. יידישע געשעפטן ווערן פּיקעטירט מיט "סוואָי דאָ סוועגאָ" - פּלאַקאַטן. דער אַלטער מאַרק איז געוואָרן אַריבערגעפירט אין אַ גויישער געגנט.

שבת נאָך מיטאָג האָבן יידישע מאַמעס מיט קינדער געפונען אַן אייגענעם שפּאַציר־גאָרטן פון אַן עלטערן יידישן אָפּגעצוימלטן פריץ; אָדער אין שיינעם גאָרטן פון יידישן שפּיטאָל ביי דער וואַרטע. מיר האָבן אין טשענסטאָכאָווּ געהאַט אַ גרויסע משפחה, קרובים און פריינדס, פריילעכע יידישע קינדער זענען יערן אין דער פריי געגאַנגען אין חדרים, שולן און גימנאַזיעס. רוטאַ האָט מיט אונדז באַזוכט די קרובים אין די היימישע געסלעך נאָענט צו דער וואַרטע, די אַלטע שיל און די גרויסאַרטיקע "דייטשע שיל קעגנאיבער דער באַן־ליניע, אַזוי ווי די דאַנציגער סענאַגאָגע.

אונדזער ניי געשעפט אויף דער אָגראָדאָווע האָט אָנגעהויבן פּראָספּערירן. אין שטאָט זענען געפאָרן צוויי אויטאָבוסן. פון די פּאַרקן ביז די יידישע גאַסן האָט אונדז גענומען פיפצן מינוט צו דער אָגראָדאָווע גאַס. אַ סך פון מיינע פריינד זענען אַוועק קיין ארץ ישראל, די רעשט איז געבליבן, חתונה געהאַט. געווען צווישן זיי צוויי דאָקטוירים, אַ צאָל לערערינס, בוכהאַלטערס, שניידערס און אַלע האָבן זיך געראַנגלט פאַר פּרנסה אונטערן שאָטן פון יידן־האָס. דער יידישער הימל אין פּוילן איז געווען פאַרכמאַרעט מיט פּחד און טרויער, די פּוילישע מאַסן האָבן נישט מורא געהאַט פאַרן גורל פון זייער פאָטערלאַנד, פאַרקערט - זיי האָבן געסטראַשעט די יידן מיט היטלערן. זיי האָבן געוואַרט אויף אים.

פרילינג - 1939 איז מיין פרוי צוריקגערופן געוואָרן איבער צו נעמען די אַרבעט ווי די הויפּט־שוועסטער פון דער "זאָפּיוווקע" אין אָטוואָצק. באַלד בין איך אויך געפאָרן און

געהאָלפֿן סאַרקען אין איר אָפּיס־אַרבעט. מיינע עלטערן האָבן אויך געדונגען אין אָטוואָצק אַ ווילע אויף זומער. וואָועק מיט זיין פרוי און קינד זענען געבליבן אין טשענסטאָכאָוו.

ווען די היטלער־אַרמיי איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן זענען די דייטשן אַריין דעם צווייטן טאָג אין טשענסטאָכאָוו און באַלד פּראָקלאַמירט זייער אכזריות קעגן יידן. מאָנטיק זענען אַלע מענער פון זעכצן ביז זעכציק אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע שטובן און געיאָגט געוואָרן דורך די גאַסן מיט אויפגעהויבענע הענט אונטער אַ טעראָר פון שיסעריי און געשרייען. מ׳האָט זיי אַריינגעטריבן אין די אויסגעליידיקטע פון פּוילישן מיליטער קאַסאַרן. די ווערמאַכט־אָפיצירן האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי האַלטן מלחמה קעגן יידן. די פּאָליאַקן האָבן דאַרפן נישט מורא האָבן.

25 קרבנות פון חורבן זענען געפאַלן אין יענעם טאָג, וואָס די ערשטע טשענסטאָכאָווער דערמאָנען ווי דעם בלוטיקן מאָנטיק. ביז שפּעט און אָוונט איז וואָוועק געווען פאַרשלאָסן אין שטוב און רוטאַ מיטן קינד איז געזעסן ביי אַ שכנה. ווען ס׳האָט זיך איינגעשטילט איז זי צוריק געווען מיט וואָוועקן אין הויז. טראָץ דער בהלה האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אַ פּלאַנירטן טאָטאַלן אומברענג פון דעם פּוילישן יידנטום.

ווען וואַרשע איז געפאַלן האָבן די דייטשן אויך אַריינמאַרשירט אין אָטוואָצק, מיינע עלטערן, מיין שוועסטער מיט איר מאַן און צוויי קינדער זענען צוריקגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן רעפּרעסיעס און ספּעציעלע געזעצן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, אויפן ערשטן אָרט – דער גרויסער געטאָ, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די יידן פון די קליינע שטעטלעך. מיינע עלטערן מיט דער גאַנצער משפחה האָבן זיך אַריבער – געצויגן אין געטאָ וואָס אירע גרענעצן זענען געווען פון דעם וואַרטע – טייך ביז די באַן־שינעס. פון דער צווייטער אַליי ביז דעם יאַסנע גורע־קלויסטער, און די זייטיקע גאַסן האָבן זיך גערופן די אַרישע זייט. פּוילן האָט פאַרלוירן איר אומאָפּהענגיקייט, די דייטשן זענען איצט די אומברענגער פון די יידן. פאַר אַ סך פּאָליאַקן איז דאָס געווען אַ טרייסט. זיי ווערן מיטהעלפער פון די רוצחים; העלפן פאַרברענען די שילן, ווערן "שמאַלצאָווניקעס" און מאַכן חוזק פון אונדזער אומגליק.

אין געטאָ קומט פאַר אַ געראַנגל איבערצולעבן יעדן טאָג. ס׳ווערט באַשטימט אַ יודנראַט, יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ. די פּוילישע פּאָליציי – אויסערן געטאָ. דער געטאָ מוז צושטעלן אומזיסטע אַרבעטער יעדן אין דער פרי, ווי אין אַלע געטאָס פון פּוילן, ווער ס׳האָט געהאַט כח און מוט איז געלאָפן צו דער רוסישער גרענעץ, גלויבנדיק, אַז דער גיהנום וועט זיך גיך ענדיקן און וועלט וועט בלייבן וועלט ווי געווען.

מיך האָט דער גורל אָפּגעזונדערט פון מיינע עלטערן, פון מיין פרוי און קינד, ברידער און שוועסטער און זייערע קינדער, ביז 1946 בין איך געווען פאַרוואָגלט אין רוסלאַנד.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען מיט די רעשטלעך לעבן־געבליבענע פון אַלע לאַגערן און פון סאָוועטישן גלות קיין טשענסטאָכאָוו, איז דער געטאָ געלעגן אין חורבות, אַלע ידיעות וועגן מיין אומגעקומענער משפחה האָב איך געשעפּט פון יחידים, על פי נס געראַטעוועטע קרובים און פריינד. ווייזט אויס, אַז יעדער באַזונדער האָט מיט פאַריאושטע כוחות זיך געראַנגלט פאַר זיין לעבן־בלייבן יעדן טאָג, יעדע שעה. זיי האָבן

אָפּט נישט געקענט איבערגעבן וועגן גורל פון אייגענע קרובים. אַלע צוזאַמען זענען געשיקט געוואָרן צו די וואַגאָנען קיין טרעבלינקע און מוראַדיק, גאַנץ אַלייניק אומגעקומען. דאָך האָב איך אויסגעפונען פון אַ צאָל יחידים און פריינד, צום מיינסטן פון ליזאַ און מיין קוזין יאַנקל בערקאָוויץ פון לייקווּד, וואָס איז מיט מיר געזעסן גאַנצענע טעג און דערציילט וועגן יענער צייט; דעם פּחד און געלויף, די אַקציעס און סעלעקציעס; די צעשיסונג פון זיינע עלטערן, דער פיבערדיקער פּרוּוו עמיצן צו ראַטעווען, און פון מיין טאַטן, אַ צעשיידטן פון דער מאַמען, וואָס האָט געוואַרט אויפן הויף פון דער מעטאַלורגיע מיט ציאַן קאַלי אין דער קעשענע. און ליזאַ האָט מיר דערציילט וועגן אירע שוועסטערס, וועגן מיין שוועגערן רוטאַ מיט איר מיידעלע עווֹאַ. וואָוועק איז אַליין אַוועק מיט דער ערשטער אַקציע. דער מערדער דעגענהאַרט האָט געהאַט אַ האַרץ פון שטיין. פון ערשטן טאָג נאָך יום כּיפּור ביז נאָך סוכּות זענען אומגעקומען איבער פערציק טויזנט יידן פון טשענסטאָכאָוו און פון די אַרומיקע שטעטלעך. צווישן זיי מיין גאַנצע משפּחה. אויף דער אַרישער זייט איז געבליבן סאַרקע מיט אונדזער קינד און וואָועקס דאַנציקער פרוי מיט איר מיידעלע עווֹאַ.

מיין שוועגערין רוטאַ האָט נישט גערעדט קיין פּויליש און מיט איר דייטשער שפּראַך איז זי געווען פאַרדעכטיקט: ווער איז זי, ווי קומט אַ דייטשע פרוי אַהער אין פּוילישן געמויזעכץ מיט אַ קינד? האָט זי געשריבן אַ בריוו צו איר דאַנציקער באָבע, די אָומאַ, זי זאָל זי ראַטעווען, נעמען צו זיך אין הויז מיט איר מיידעלע. און די באָבע האָט איר געשריבן אַן ענטפער: "דיך אַליין קען איך נעמען צו זיך אָבער נישט דיין קינד... פון אַ יודע". מער האָט זי קיין בריוו צו דער אָומאַ נישט געשריבן. ליזאַ האָט מיר דערציילט וועגן אַ יונגע פרוי לאַנדאַו פון שטענסטאָכאָוו, וואָס האָט זיך אויך געדרייט אויף דער אַרישער זייט, אַז זי האָט באַגעגנט רוטאַ מיטן קינד אין זאַקאָפּאַנע, גערעדט מיט איר, אָבער זי האָט מורא געהאַט זיך ווידער צו טרעפן ווייל יענע קען קיין פּויליש נישט רעדן.

אין האָטעל האָבן געסט דערציילט וועגן אַ שיינער פרוי מיט אַ בלאָנד קינד וואָס די געסטאַפּאָ האָט זיי ביידן דערשאָסן. זיי האָבן געמוזט זיין יידן...

איך בין מיט מיין ברודער וואָוועק געווען עטלעכע מאָל אין זאַקאָפּאַנע. געקלעטערט אויפן זאַווראַט און צום טאָל פון די פינעף גרינע סטאַוון, ביז דעם מיצקעוויטש-וואַסערפאַל, "געוואָנט", "מאָרסקע אָקאָ". די טאַטרעך-בערג וואָס טעטמייער האָט באַזונגען.

אָבער מער וועל איך מסתּמא די פּוילישע ערד נישט באַטרעטן. דאָס געוויין פון מיין פאַרזונקענע היימשטאָט און די שאָטנס פון אונדזער פאַרגאַנגענער קהילה וועלן אונדז באַגלייטן עד סוף כּל הדורות.

אין דמיון בלויז וועל איך באַנאַנד מיט מיין אומגעקומענעם ברודער וואָוועקן זיך טראָגן אויפן ווינט פון זכרון פון דעם באַלטיק-ים ביז די זאַקאָפּאַנע-בערג. אפשר אין די ווייס- פאַרוואָלקנטע הייכן וועלן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן די שאָטנס פון אַ מאַמע מיט איר קינד געאָרעמט, מיין פאַרוואָגלטע שוועגערין וואָס האָט געזוכט אַ רעטונג אין די בערג און אַ פאַרצווייפלטע געבעטן:

"אשא עיני אל ההרים, מעין יבא עזרי?"*)

נאָר די בערג זענען געווען טויב און דער הימל האָט געשוויגן.

---

*) איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג, פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

ד"ר ישראל סטופניק / בוענאָס איירעס

# צוויי מאָל - הונדערט רובל

אין יאָר 1479 האָט דער הערשער פון מאַזאָוויע, פירשט יאַנוש דער צווייטער, באַוויליקט צו געבן דעם ישוב זאַמבראָוו דאָס רעכט צו זיין אַ שטאָט און פון דעמאָלט אָן און ווייטער צו גענִיסן פון אַלע פּריווילעגיעס פון אַ שטאָט.

פון דעמאָלט אָן איז דער הערב פון דער דאָזיקער שטאָט אַן אָקסן־קאָפּ, מיט דער לאַטייניִשער אויפשריפט: SIGILUM CIVITATIS ZEMBROVENSIS ד"ה: זיגל פון זעמבראָווער שטאָט־ראַט.

אין יאָר 1527 איז מאַזאָוויע אָפיציעל איינגעשלאָסן געוואָרן אין פּוילן, און די פּריווילעגיעס פון זאַמבראָוו זענען פון דאָס ניי באַשטעטיקט געוואָרן. מיט דער צייט האָט זיך די שטאָט אָנגעהויבן רופן זאַמבראָוו (זעמבראָווע אויף יידיש) אַנשטאָט זאָמבראָוו.

אין יאָר 1539, בעת דער מלחמה צווישן פּוילן און פּרייסן, איז זעמבראָווע חרוב געוואָרן. יאָרן שפּעטער איז זי צוריק אויפגעבויט געוואָרן.

זיגמונד דער ערשטער, דער זון און יורש פונעם פּוילישן מלך קאַזימיר דער פערטער, האָט באַנייט די פּריווילעגיעס פון זעמבראָווע.

די ערשטע אָפיציעלע אָנווייזונג וועגן יידן אין זעמבראָווע געפינט מען אין יאָר 1620, ווען מען האָט דערלויבט איבערטראָגן דעם וועכנטלעכן מאַרקטאָג פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, כדי די יידן זאָלן קענען איינקויפן אויף שבת.

זעמבראָווע געהערט צו מאַזאָוויע, אַ געוועזענע זעלבשטענדיקע מדינה. בעת די קרייצצוגן, זינט 1096, זענען טויזנטער יידן אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, כדי זיך צו ראַטעווען פון די געפערלעכע שחיטות. מען האָט זיי פאַרפאָלגט דורך פעלדער, דערפער און שטעט, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין מזרח־איירפּע.

אינעם צוועלפטן יאָרהונדערט זענען שוין פילן יידן געווען באַזעצט אין מאַזאָוויע, וווּ זיי האָבן געלעבט רואיק און מיטגעהאָלפן אין איר ווירטשאַפטלעכן אויפבלי. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אַרויפגעאַרבעט. זיי האָבן גענאָסן פון רעכט און אַ ספּעציעלער געזעץ, דער "JUS JUDAICUM" האָט באַצייכנט די יידישע פּריווילעגיעס.

די פּראָבלעמען פאַר יידן פאַנגען זיך אָן נאָך דעם וואָס מאַזאָוויע איז געוואָרן אַ טייל פון פּוילן און פאַרערגערן זיך אויף אַ געפערלעכן אופן בעת די גזירות ת"ח ות"ט.

ווען פּוילן איז געפאַלן אונטער דער צאַרישע מאַכט, האָט זיך די לאַגע פון די יידן שטאַרק קאָמפּליצירט.

אין יאָר 1918 ווערט פּוילן אומאָפּהענגיק, און זעמבראָווע, אין דער לאָמזשער גובערניע, אַ טייל פון דער נייער רעפּובליק.

אין סעפּטעמבער 1939 האָט די נאַצישע אַוויאַציע באָמבאַרדירט זעמבראָווע. איר ציל איז געווען צו צעשטערן די קאַזאַרמעס, וואָס זענען געבויט געוואָרן אין דער צאַרישער צייט, און די אַמוניציע־רעזערוואַרן. די באָמבאַרדירונגען האָבן חורב־געמאַכט צוויי דריטל פון דער שטאָט.

*

דער היסטאָריקער יוסף קרולעוויצקי, אין זיין אַרטיקל "יאַבלאָנקע" געדרוקט אינעם "ספר זעמבראָווע", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך ד"ר יום טוב לעווינסקי אין תל

אביב אין יאָר 1963, שרייבט אַז די צאַרישע מאַכט האָט געוואָלט אויפבויען קאַזאַרמעס אין יאַבלאָנקע, אַ שטעטל וואָס איז געווען 9 קילאָמעטער ווייט פון זעמבראָווע.ביידע ישובים זענען געלעגן ביי די ברעגן פונעם טייך יאַבלאָנקע, אַנטקעגן די טשערנאָוויבורער וועלדער. ווען די רעגירונג־קאָמיסיע איז אָנגעקומען כדי אויסצוקלויבן דאָס צוגעפּאַסטע אָרט אויפצושטעלן די קאַזאַרמעס, האָט זי געבעטן הונדערט רובל ווי אַ "פּריוויליקע באַשטייערונג" ביי אירע תושבים. די יאַבלאָנקער זענען נישט געווען בכח צונויפצוזאַמלען די הונדערט רובל, וואָס פאַר יענע צייטן איז עס געווען אַ פאַרמעגן.

נאָר ווען די זעמבראָוער, וואָס פיל פון זיי האָבן געשטאַמט פון יאַבלאָנקע, האָבן וועגן דעם זיך דערוווּסט, האָבן זיי גיך צונויפגעקליבן די הונדערט רובל, און ווי עס פאַרשטייט זיך, האָט מען די קאַזאַרמעס אויפגעשטעלט אין זעמבראָווע.

אָט די הונדערט רובל זענען געווען די סיבה צוליב וועלכע עס האָבן זיך געצויגן צווי מיגראַציע־שטראָמען אין די ניין קילאָמעטער צווישן ביידע ישובים. פון יאַבלאָנקע קיין זעמבראָווע האָבן געשטראָמט לעבעדיקע יידן. פון זעמבראָווע קיין יאַבלאָנקע האָט מען געפירט מתים זיי מקבר צו זיין. אין יאַבלאָנקע האָבן יידן געלעבט נאָך פון פיל יאָרן פריער ווי אין זעמבראָווע. יאַבלאָנקע האָט געהאַט צוויי בית הקברות. דער אַלטער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין גאָר אַלטע צייטן, אפשר מיט אַ פינף הונדרט יאָר צוריק, בעת דער נייער איז בלויז אַלט געווען אַרום דריי הונדערט יאָר.

די חברה קדישא אין זעמבראָווע איז ערשט געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1767 און דער בית עולם איז דערעפנט געוואָרן אין יאָר 1818.

הייסט עס, אז בעת יאַבלאָנקע איז צוליב די הונדערט רובל געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער און קלענער, האָט זיך זעמבראָווע פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער שטאָט, מיט אַ יידישער מערהייט.

*

קיין זעמבראָווע פלעגן אָנקומען רעדנער, פּאָליטיקער, דענקער, קינסטלער, שוישפּילער, שרייבער און דיכטער, גערן איבערצולייענען זייערע שאַפונגען. אַלע האָבן געוואָלט קומען קיין זעמבראָווע ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז דאָרטן איז מען דורשטיק געווען נאָך וויסן, פּאָליטיק, קונסט און קולטור.

אין זעמבראָווע איז דאָס "פּאָלקסהויז" געווען דאָס אָרט ווו די יידן פלעגן זיך צונויפקומען. חוץ די ביבליאָטעק, פלעגט מען דאָרטן איינאָרדענען קונסט־אויסשטעלונגען, און מען פלעגט דורכפירן קאָנצערטן און אסיפות. דאָרטן האָבן די רעדנער, אין קאָנפערענצן ביי רונדע טישן, געלאָזט וויסן זייערע געדאַנקען. יעדער איינער וואָס האָט געלעכצט נאָך אַן אויסדרוק פון וויסן, קולטור און קונסט, האָט אינעם "פּאָלקסהויז" געהאַט ווו צו שטילן זיין דורשט.

אינעם זעמבראָווער "פּאָלקסהויז" זענען אויפגעטראָטן די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פונעם אייראָפּעישן יידנטום. עס וועט נעמען צו דערמאָנען אַזעלכע גדולים ווי זרובבל, זשאַבאָטינסקי, שלום עליכם, וויקטאָר אַלטער, שמעון דובנאָוו, אַרטור רובינשטיין, מאַרק שאַגאַל, יצחק גרינבוים, און אפילו דוד בן גוריון, ווען ער האָט זיך נאָך גערופן דוד גרין.

צווישן אָט די גדולים, האָט עליעזר בן זהר פאַרנומען אַ בכובדיק אָרט. ער איז אין זעמבראָווע געווען אַן אָפטער גאַסט. אין זעמבראָווע איז ער באַקאַנט און באַליבט געווען. ווער האט אין זעמבראווע נישט געוווּסט ווער ער איז? ווער פלעגט אין

זעמבראָווע נישט געדענקען זיינע אויפטריטן? כסדר האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן אין זעמבראָווע וועגן עליעזר בן זהרן.

זיינע קאָנפערענצן, זיינע מיינונגען בעת די רונדע טישן און דעבאַטן אין וועלכע ער פלעגט אָנטייל־נעמען, זענען קאָמענטירט געוואָרן, און זיינע ווערטער - "פערל וואָס שיטן זיך פון זיין מויל" - זענען דורך גאַנץ זעמבראָווע כסדר איבערגעחזרט געוואָרן. ער האָט אויך קעגנער געהאַט, ווייל פאַר אַ סך זענען זיינע געדאַנקען געווען צו פיל פּראָגרעסיוו און רעוואָלוציאָנער פאַר יענע צייטן. דאָס פלעגט ברענגען צו אָפטע דיסקוסיעס, סיי אין זיין קעגנוואַרט, סיי אונטער זיינע אויגן. עליעזר בן זהרס קומען פלעגט אויפטרייסלען דעם זעמבראָווער עולם.

יעדעס מאָל וואָס עליעזר בן זהר פלעגט קומען קיין זעמבראָווע, איז ער איינגעשטאַנען אינעם "האָטעל וואַרשע", וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם מאַרקפּלאַץ. שטענדיק האָט ער פאַרנומען דעם זעלביקן צימער וואָס פלעגט שוין זיין צוגעגרייט פאַר אים, ווי נאָר ער פלעגט אָנזאָגן זיין קומען. זיין פירונג פאַרן רעפעראַט איז שטענדיק געווען די זעלבע: ער פלעגט זיך אַרומוואַשן און אָנטאָן עלעגאַנט, אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל לעקעך און נאָכגעטרונקען אַ גלאָז טיי און געמאַכט אַ לחיים מיט אַ ביסל בראָנפן, בעת ער האט געבלעטערט דעם "היינט", און שפּעטער פלעגט ער לאַנגזאַם און מיט אַ גוטער שטימונג, לאָזן זיך צום "פאָלקסהויז".

ווי נאָר ער פלעגט אַריין אין "פאָלקסהויז" האָט ער באַגריסט זיינע חברים, באַקאַנטע און נאָכפאָלגער, און באַלד האָט ער ביי זיי געבעטן באַרגן אים הונדערט רובל. ס'איז נישט געווען קיין קלייניקייט צונויפצוזאַמלען הונדערט רובל. אַ רובל האָט אויסגעמאַכט הונדערט קאָפּיקעס, און הונדערט רובל איז געווען, נישט מער און נישט ווינציקער ווי הונדערט מאָל הונדערט קאָפּיקעס.

אַ סך האָבן קיין מאָל נישט געהאַט געזען קיין הונדערט רובל. פיל האָבן הונדערט רובל אין זייער גאַנץ לעבן נישט דערגרייכט צו פאַרדינען. כמעט אַלע אין שטאָט האָבן געחלומט צו פאַרמאָגן הונדערט רובל. אין יענע צייטן איז הונדערט רובל געווען אַ פאַרמעגן.

עליעזר בן זהרס נאָכפאָלגער פלעגט אָנקומען גאַנץ שווער צונויפצוקלייבן די הונדערט רובל כדי זיי צו באָרגן אים, הגם זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די געבאָרגטע הונדערט רובל וועט עליעזר בן זהר, ביים סוף פון דער קאָנפערענץ, אָפּגעבן ביז דער לעצטער קאָפּיקע.

ווי שווער ס'פלעגט אָנקומען דעם עולם צו פאַרשטיין די טיפזיניקע טעמעס וואָס עליעזר בן זהר האָט אין זיינע רעפעראַטן באַהאַנדלט, פול מיט וויסן און חכמה, איז נאָך פיל שווערער געווען פאַר זיינע נאָכפאָלגער צו פאַרשטיין די מאָדנע פירונג פונעם רעדנער: דאָס בעטן מען זאָל אים באָרגן הונדערט רובל פאַרן רעפעראַט און אָפּגעבן זיי באַלד נאָכן פאַרענדיקן זיינע ווערטער. דער וווּנדער און די נייגיריקייט איז געווען אַזוי גרויס, ביז אין אַ שיינעם טאָג איז צו עליעזר בן זהרן צוגעגאַנגען יצחק שטערן, איינער פון זיינע פאַרערער וואָס פלעגט העלפן אַז אַנדערע זאָלן אויסבאָרגן די פאַרלאַנגטע סומע, און מיט גרויס דרך־ארץ צו אים געזאָגט:

- "זייט מיר מוחל. איך בעט ביי אייך איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן פאַר מיין עזות, נעמט נישט אָן פאַר אומגוט מיינע ווערטער. איך וויל אייך בלויז עפּעס פרעגן...".

סוף אויף ז' 65

שמעון גערבער / סאַן־פראַנציסקאָ

# געאָגראַפיע*

## ערשטער לימוד

כ'האָב אין קלאַס
צעהאָנגען מאַפּעס אַלערעליי -
"גיט אַ קוק, ווי שיין די ערד איז
אויף די האַלב קיילעכן צווייען
בלויע ימען, אָקעאַנען,
גרינע טאָלן, ברוינע בערג,
שווימט אַ שיף מיט מאַגעלאַנען
צו אַ נייעם ברעג.

קינדער הויבן אויף די הענט,
אַלע ווילן ווייזן
אי די טאָלן, אי די בערג,
אי די בלויע ימען.

אויף די מאַפּעס שיין איז אונדזער ערד
ווי זשע זעט זי אויס אין דרויסן?

קומט אַצינד אַרויס אין דרויסן,
הערט, ווי ביימער, בלעטער רוישן,
הערט פון פייגלען אַ געזאַנג.
גיט אַ קוק אויף הימלען גרויסע
אויף דעם זון־פאַרגאַנג!

צווישן שטיינער פליסט אַ טייכל,
פון דער טיף דאָרט שלאָגט אַ קוואַל,
און אַ כוואַליע טוט אַ שמייכל
אין דער שפּיל פון זונען־שטראַל!

וויפל אוצרות, וויפל קרעפטן
ברויזן אין דער טיף.
היט זי אָפּ פון אַלעם שלעכטן!
קינדער! האָט זי ליב.

## צווייטער לימוד

די ערד איז קיילעכדיק!
די וועלט איז גרויס!
מע קען פאַרבלאָנדזשעט ווערן,
זיך פאַרלירן!
דאַרף קליין און גרויס,
קליין און גרויס
זיך לערנען אָריענטירן!

מזרח, מערב, דרום, צפון,
אַט די זייטן פיר,
מיט דער הילף פון זון און שטערן
היינט געפינען מיר.

יעדער בוים קען זיין אַן אָריענטיר...
האָב איך מיינע שילער
אין אַ וואַלד פאַרפירט!
דאָרטן מיט אַ ריי סמנים
האָבן אַלע מיר געפונען
אַלע זייטן פיר!

שטייט אויף אַ יינגעלע און פרעגט:
- "אין וואַלד אַ וועג איז גרינג געפינען,
נאָר ווי אַזוי אַ וועג געפינען
אין דער גרויסער וועלט?"

די פראַגע מיר געפעלט,
איך האָב ניט און מאָל
זי פאַר מיר אַליין געשטעלט!

ניטאָ קיין וועגווייזער!
יעדער דאַרף אַליין,
זיין וועג געפינען!

נאָר ווייל איך האָב אייך אַלע ליב
האָב איך באַשטימט
אין ביכעלע, אין דעם מיט אייך זיך טיילן
וועגן לאַנגן וועג מיינעם
אין לידער אייך דערציילן.

* נאָך דעם 1940 יאָר, ווען יידישע שולן אין ס"פ זענען געווען פאַרמאַכט, בין איך געוואָרן א לערער פון געאגראפיע.

# בעלאַ פּאָזי ע"ה

דעם 2־טן דעצעמבער פ.י. איז אַוועק פון דער וועלט בעלאַ פּאָזי, די אלמנה פונעם שרייבער אריה פּאָזי, אַ לאַנגיאָריקע מיטגלידערין פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב אין ל.אַ. און אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערין. פילצאָליקע פריינד פון דער פאַרשטאָרבענער זענען געקומען באַגלייטן זי אין איר לעצטן וועג. די טאָכטער פון די פּאָזיס, די שרייבערין ד י נ ה מ ע צ ג ע ר, האָט אין רירנדיקע ווערטער געזעגנט בעלאַן. מיר ברענגען ווייטער אייניקע פראַגמענטן פונעם הספד.

רעד.

...מיין מאַמע האָט שטענדיק געאַרבעט פון פרימאָרגן ביז נאַכט. זי האָט קיין מאָל נישט גערוט. איך פלעג זי זען אַוועקפאַלן אויף דער סאָפע אַרום 11 - 12 ביינאַכט, אָדער אַפילו שפּעטער - 2-1 באַגינען. איך טראָג אין זיך יענע ענערגיע און עקשנותדיקן ווילן צו טאָן וואָס מוז געטאָן ווערן און, צום גליק אָדער נישט, האָב איך עס איבערגעגעבן אויך צו מיין זון. אַזוי שפּעט ווי מיט אַ חודש צוריק האָט מיין מאַמע פאַרגעסן, אַז זי איז פאַראַליזירט און געבעטן דעם דירעקטאָר פונעם קראַנקנהויז ער זאָל איר געבן עפּעס אָן אַרבעט, און מיך האָט זי פאַרזיכערט, אַז זי קאָן קומען און העלפן מיר אין הויז.

זי האָט געפירט הויז ביז 87 יאָר. דאָס איז נישט קיין ווונדער, ווייל זי האָט געאַרבעט איר גאַנץ לעבן, אָנהייבנדיק אין דער באַקלייד־אינדוסטריע, שפּעטער פירנדיק די חשבונות פאַר מיין פאָטערס דרוקעריי; פאַרקויפט תימנער יובעליר־חפצים; פאַרקויפט קליידער, צוערשט פון איר אייגן הויז און שפּעטער אין אַ געשעפט אַד"גל. וועלכע אַרבעט זי זאָל נישט האָבן געטאָן, האָט זי געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט. זי האָט ליב געהאַט אירע קונים, געוווסט זייער געשמאַק, זי האָט איינגעקויפט פאַר זיי גלייך זי וואָלט עס געטאָן פאַר זיך אַליין.

אין איר ווייניקע פרייע צייט האָט זי אָפּגעגעבן אַ סך שעהן לטובת ישראל. ווען

---

המשך פון ז' 63

– "אדרבא, מיין טייערער פריינד... צוליב דעם קום איך טאַקע קיין זעמבראָווע, כדי אויפצוקלערן אַלץ וואָס ס'איז נאָר נייטיק. ביטע, פרעגט".

– "זייט מיר נאָך אַ מאָל מוחל, אָבער מיר זעען ווי יעדעס מאָל ווען איר קומט קיין זעמבראָווע, איז איידער איר הייבט אָן אייער קאָנפערענץ - וואָס מיר פאָלגן נאָך מיט אַן אויסער נעוויימלעכן אינטערעס - בעט איר מען זאָל אייך אויסבאָרגן הונדערט רובל, און ווען איר פאַרענדיקט אייער אויפטריט גיט איר זיי אָפּ צוריק. דאָס מאָל האָבן מיר באַמערקט נאָך עפּעס וואָס ס'איז אונדז שווער צו פאַרשטיין".

"איר גיט אָפּ די זעלבע באַנקנאָטן, מיט די זעלבע נומערן. ביטע, גיט אונדז צו פאַרשטיין: נאָך וואָס בעט איר ביי אונדז די הונדערט רובל וואָס קומט אונדז אָן אַזוי שווער צונויפצוזאַמלען, אַז צום סוף פון אייער קאָנפערענץ גיט איר זיי אָפּ צוריק?"

שמייכלט עליעזר בן זהר און ענטפערט:

– "טייערער פריינד, מיט הונדערט רובל אין דער קעשענע, זעט דאָס לעבן אויס אַנדערש און עס רעדט זיך אַנדערש".

כ'האָב געעפֿנט איינס פֿון די לעצטע קעסטלעך מיט אירע זאַכן - בלויז אַ וואָך איידער איך האָב באַנומען, אַז זי שטאַרבט - האָב איך געפֿונען אַ פּושקע פֿאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד. איך צווייפֿל נישט, אַז מיין ליבשאַפֿט צו ביימער און דער נאַטור שטאַמט פֿון איר געווינשאַפֿט צו פֿלאַנצן אַ בוים אין ישראל ביי יעדער געלעגנהייט. די שופֿלאָדן פֿון אונדזער הויז זענען געווען פֿול מיט ביימער־סערטיפֿיקאַטן.

אין אירע שפּעטע יאָרן, נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט פֿאַרלאָזט די היים, האָט זי אָנגעהויבן מאָלן, און נאָך דעם אויפֿציען פּרעכטיקע שנורן קרעלן. זי האָט קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן אַזאַ טאַלאַנט. זי האָט על פּי טעות געלאָזן די קונסט און אינטעלעקט פֿאַר מיין פֿאָטער און פֿאַר מיר.. אָבער זי האָט איינגעזען אַז זי קאָן מאָלן, און דאָס האָט איר פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿרייד און סאַטיספֿאַקציע.

...ביינאַנד מיט מאָלעריי איז די לעצטע ליידנשאַפֿט אין איר לעבן געווען דער יידישער קולטור־קלוב. די מיטגלידער פֿונעם קלוב זענען געווען איר געזעלשאַפֿט, און יידישע און העברעיִשע ביכער, קונסט און מוזיק - איר גרעסטע פֿרייד.

בעלאַ איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 90 יאָר, דאָס מיינט, אַז זי האָט געטראָגן די שרעקלעכע געשיכטע פֿונעם יאָרהונדערט אין אירע ביינער. זי האָט געוווּסט די יידישע קולטור, איר אויפֿשטייג און איר ירידה. מיט איר טויט האָבן מיר פֿאַרלוירן אַן אָנזאַמלונג פֿון אַן אופֿן פֿון ז ע ע ן און ז י י ן אין דער וועלט.

דעם פֿרימאָרגן נאָך איר טויט האָבן מיך אויפֿגעוועקט די פֿאָלגנדיקע שורות:

טויט איז אַ פֿינצטערע הייל<br>
וואָס, צעשפּרייטנדיק זיך,<br>
צעעפֿנט דאָס האַרץ<br>
און שפּעטער עס שליסט זיך נישט מער.<br>
מיר גייען נישט אַריין אין דעם,<br>
ווייל עס עפֿנט זיך אין אונדז, ברייט,<br>
און מיר ווערן עס אַליין,<br>
דער וועג<br>
דורך וועלכן<br>
מיר ווייסן וואָס מיר ווייסן,<br>
זענען וואָס מיר זענען,<br>
זענען, לסוף, די, וואָס מיר מוזן זיין.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

*העשיל קלעפּפּיש: "דער קוואַל פאַר דורות", יידיש מזרח־אייראָפּע (עסייען), ירושלים תשנ"ז, 1997. אינעם ספר (608 זז') פונעם באַוווסטן היסטאָריקער און פאָרשער פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום זענען פאַראַן זעכציק עסייען וואָס נעמען אַרום אַן ערך טויזנט יאָר יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

עס איז דאָס פּערטע בוך העשיל קלעפּפּישס אויף אָט דער טעמע, און אין יעדן בוך, אין יעדן עסיי אַנטפּלעקט דער מחבר עפּעס נייעס. טאַקע אַזוי ווי ער שרייבט אינעם ערשטן עסיי א.ג. "פאַרוואָס דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער נעכטן": "מען ווענדט זיך אָפט צו אונדז מיט דער פראַגע, פאַרוואָס מיר קערן זיך כסדר אום צו דער זעלביקער טעמע: דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער נעכטן. וויפל מאָל מיר האָבן שוין באַהאַנדלט דאָס לעבן וואָס איז אָנגעגאַנגען אין יידישן מזרח־אייראָפּע... דעקן מיר אויף אַלץ פרישע זאַכן וואָס פאַרדינען, לויט אונדזער מיינונג, אַרויסגעבראַכט צו ווערן".

און זיי ווערן אַרויסגעבראַכט אויף אַ פּאָפּולערן אופן, צוגענגלעך פאַרן לייענער.

*בנימין לובעלסקי: "אויף גאָטס באַראָט". דערציילונגען און זיכרונות פון מחברס איבערלעבונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ געפאַנגען־לאַגער אין צפון־אַפריקע, וווהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן דורך די פראַנצויזן, נאָכן צוריקקומען פון שפּאַנישן בירגער־קריג, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט ווי אַ זעלנער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. 192 זז', ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1996.

*צבי כנר: "אָפּגעגעבן ברויט", דערציילונגען. חוץ דער גרעסערער דערציילונג (94 זז') לויטן נאָמען פונעם בוך, וואָס שילדערט די איבערלעבונגען פון אַ יידיש יינגל אין די נאַצי־לאַגערן און אין דייטשלאַנד באַלד נאָך דער מלחמה, זענען פאַראַן אין בוך צוויי קלענערע דערציילונגען: "לויף, יעקב, לויף!" און "צוויי עופעלעך". צוזאַמען 155 זז'. הילע און גראַפיק פון דוד קרם; צייכענונגען פון יאָסל בערגנער. י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1996.

*שמואל באַט: "אויף אייביק", אויסגעוויילטע שריפטן 1970–1996. אינעם פאָרוואָרט צום בוך שרייבט משה וואָלף: "שמואל באַט איז נישט קיין פנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַוויזן און באַקאַנט געמאַכט באַלד נאָך דער מלחמה, נאָכן חורבן. זיינע קינסטלערישע ווערק זענען דערשינען און דערשיינען פון צייט צו צייט אויף די שפּאַלטן פון די אָנגעזעענסטע פּעריאָדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין דער יידישער וועלט... אין סך הכל איז שמואל באַטס בוך "אויף אייביק" אַ רייכע פּאַנאָראַמע פון קינסטלערישן שאַפן – אַ נוצלעכער בייטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור".

דאָס בוך האָט 274 זז' אין יידיש און 187 זז' אין ענגלישער איבערזעצונג. אַרויסגעגעבן דורך אַ בוך־קאָמיטעט, לאָס־אַנדזשעלעס 1996.

*"די צוקונפט" נומ. 3 (101), סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1996. אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. רעדאַקציע־קאָלעגיע: מ. אָליצקי, אברהם ווילק, יאָסל מלאָטעק, יאָני פיין און חנן קיעל.

*"אויפן שוועל" נומ. 304. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. רעדאַקטאָר – ד"ר מרדכי שעכטער.

*"יידישע קולטור" נומ. 5–6, חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פּאַרבאַנד. רעדאַקטאָר - איטשע גאָלדבערג.

* "אונדזער צייט" נומ. 11–12, ניו־יאָרק 1996.

*"יוגנטרוף" נומ. 86. אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, ניו־יאָרק 1996. רעדקאָלעגיע: לאה ראָבינסאָן, שעף־רעדאַקטאָר, הערשל גלעזער און שבע צוקער - מיטרעדאַקטאָרן.

*"נייע וועגן", ליטעראַרישער אַלמאַנאַך נומ. 5. פּובליקאַציע פון המשך־דור ליבהאָבערס פון יידיש. 140 זז', תל־אביב 1996. רעדאַקטאָר: ישראל רודניצקי; מיטרעדאַקטאָר - לעוו בערינסקי; רעדאַקציע־קאָלעגיע: דניאל גלאי, צבי כנר און מיכאל פּעלזענבאַום. גראַפיק - פּסח סקודניצקי. אילוסטרירט דורך די קינסטלער אַלעקסאַנדער צוקערמאַן, אַלעקסאַנדער גאַנעלין און מאַרק קאַנאָוויטש. עס באַטייליקן זיך: וועלוול טשערנין, לאה ראָבינסאָן, דניאל גלאי, צבי כנר, באָריס סאַנדלער, מיכאל פּעלזענבאַום, און די "געסט" פון עלטערן דור: מרדכי צאַנין, רבקה באַסמאַן און אברהם קאַרפּינאָוויטש.

*"די פּען" נומערן 26, 27, 28, 29 און 30, אָקספאָרד, ענגלאַנד. רעדאַקטאָר - הירשע דוד קאַץ.

*"לעבנס־פראַגן" נומ. 535–536. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק,ווירטשאַפט און קולטור. תל־אביב 1996. רעדאַקטאָר - יצחק לודען.

*"יעווריעיסקי קאַמערטאָן" (יידישער קאַמערטאָן). וועכנטלעכע ליטעראַריש־קינסטלערישע ביילאַגע צו דער צייטונג "נאָוואָסטי ניעדיעלי" (נייעס פון דער וואָך). רעדאַקטאָרן - וועלוול טשערנין און לעאָניד שקאָלניק. תל־אביב 1996.

---

## "אַ וואָרט אַ טאָג"

די פונדאַציע פאַר יידישער שפּראַכקולטור א"נ בנימין שעכטער שטעלט אויף אַ קלוב א"נ "אַ וואָרט אַ טאָג" צו באַרייכערן דעם יידישן ווערטער־אוצר פון די, וואָס זענען גרייט זיך כסדר צוצולערנען. (אַן אמתער קענער איז דאָך דער, וואָס קען זיך לערנען זיין גאַנץ לעבן און נישט מיד ווערן). דהיינו? ווי פּרווון מיר אויסברייטערן, באַרייכערן דעם ווערטער־אוצר?

יעדער חבר אינעם קלוב "אַ וואָרט אַ טאָג" קען אָנקלינגען 6675־787 (212) פון מאָנטיק ביז פרייטיק, צווישן צען אין דער פרי און דריי ביי טאָג, און זיך נאָכפרעגן אויפן שפּראַכיקן פּאַראָל פונעם טאָג: "וואָס איז דאָס וואָרט/דער טערמין/דער אידיאָם/דאָס ווערטל פאַר היינט?" און אויב מע פאַרפעלט אַ טאָג, קען מען זיך נאָכפרעגן אויפן נעכטיקן צי אייערנעכטיקן וואָרט. אַזוי אַרום וועט איטלעכער צו ביסלעך, טאָג ביי טאָג, קענען אויסברייטערן דעם אייגענעם שפּראַכיקן באַגאַזש.

וואָס זענען די באַגרענעצונגען? ווער קען געהערן צו אָט דעם אומגעוויינטלעכן קלוב? יעדער אָפּגעצאָלטער מיטגליד פון יוגנטרוף און / אָדער פון דער יידיש־ליגע. קיין שום אַנדער גדר איז נישטאָ: מאַנצביל אָדער פרוי, יונג אָדער "כמעט יונג", געלערנט אָדער נישט. איטלעכער אָנפרעג וועט ביי אונדז זיין אָנגעלייגט.

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

אונדזער קולטור־קלוב, וועלכער איז מיט מזל אַריין אין 71־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעהויבן זיינע פּראָגראַמען פאַרן סעזאָן - 1996-97 גלייך נאָך סוכות.

## 1996

* מוצאי שבת אָקט. 19, יעקב לעווין, רעציטאַציעס פון יוסף טונקעל (דער טונקעלער) מוזיק: דילאָראַ האַלילעוואַ און גאַלינאַ שלימאָנסקאַיאַ.
* מוצאי שבת אָקט. 26, קאָנצערט־אָוונט, פּאַלקס־זינגער מאַרק לוי, לידער פון אַרבעט.
* מוצאי שבת נאָוו. 2, לילקע מייזנער: מענדל מאַן צו זיין 80־יאָריקן געבוירן־טאָג. מוזיק: ריסאַ איגעלפעלד.
* מוצאי שבת, נאָוו. 9, יעקב באַסנער: משה קולבאק - מאַרטירער פּאָעט, צום הונדערט־־יאָריקן געבוירן־טאָג, מוזיק: רימאַ ביכמאַן.
* מוצאי שבת, נאָוו. 16, פּראָפ. שרה מאָסקאָוויטש - רייזע איינדרוקן פון פּוילן.
* מוצאי שבת נאָוו. 23, משה שקליאַר: אַ וואָרט וועגן דער דיכטערין מלכה טוזמאַן, צו איר 100־טן געבוירן־יאָר.

## 1997

* מוצאי שבת דעצ. 7, סעקאָנד עווענינג קלעזמער־קאַפּעליע, קאָנצערט.
* מוצאי שבת דעצ. 14, פּראָפ. הערשל סלוצקי: די קאָנטראָווערסיעס אין צענטער פאַר יידישע לימודים אין קווינס קאָלעדזש.
* מוצאי שבת, יאַנ. 11, ליזאַ ליבאָווסקי: קאָנצערט פון יידישע, העברעישע און לאַדינאָ לידער.
* מוצאי שבת, יאַנ. 18, ראַביי באַרוך: ביבלישע כאַראַקטערן אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

מוצאי שבת, יאַנ. 25, חיילע אַש: מענדעלע מוכר־ספרים. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - מאַרטאַן שטיינמאַן - אַקאָרדיאָן.

* מוצאי שבת פעב. 1, גאָלדי קאַהן: אוריה לוי, דער אומבאַוווסטער ייִדיש־אַמעריקאַנער העלד.
* מוצאי שבת, פעב. 15, מאַיאַ ווייספעלד־אַייזן - גאַסט פון מעקסיקע: לעקציע וועגן דער קאַליפאָרנער געשטאַלט סאַלאָמאָן קאַהן.
* מוצאי שבת, פעב. 22, פּראָפ. זשאַנעט האַדאַ: דער ליטעראַרישער וועג פון דער שרייבערין אסתר קרייטמאַן, מוזיקאַלישער טייל ריסאַ איגעלפעלד.
* מוצאי שבת, מערץ 8, סטענלי בונין: וועגן פאָלקס־זינגער און קאָמפּאָזיטאָר סידאָר בעלאַרסקי, מלכה שאָו האָט געזונגען בעלאַרסקיס לידער.
* מוצאי שבת, מערץ 15, אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון דער וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין. ווידעאָ, אַריינפיר פון משה שקליאַר.
* מוצאי שבת, מערץ 29, יעקב באַסנער, פּורים־מעשיות אין דער יידישער ליטעראַטור.
* מוצאי שבת, אַפּריל 5, בערנאַרד מ. וויסבערג, רעפעראַט - די האָפענונג אויף שלום אין ישראל.

**נ. שטיינמאַן**

# די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע: אַן אַרכיוואַלע זאַמלונג

די סטענפֿאָרד־אוניווערסיטעט־ביבליאָטעקן זײַנען צופֿרידן מודיע צו זײַן וועגן דער עטאַבלירונג פֿון "די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע זאַמלונג". די ראָזיקע זאַמלונג, צונויפֿגעשטעלט פֿון מאַטעריאַלן פֿון פּילצאָליקע מנדבֿים (אַמאָליקע און איצטיקע לערערס, תּלמידים, עלטערן און פֿאַרוואַלטערס), גיט אַ זעלטענע געלעגנהייט צו פֿאָרשן אַ ביז־אַהער ניט גענוג באַקאַנטן אַספּעקט פֿון דער אַמעריקאַנער און אַמעריקאַנער־ייִדישער קולטור, געשיכטע, און דערציונג.

"די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע זאַמלונג" פֿאַרמאָגט צאָלרייכע מוסטערן פֿון לערן־מאַטעריאַלן אויף ייִדיש און אויף ענגליש. אויך גראַדויר־זשורנאַלן. פּערזענלעכע זכרונות און פֿאָטאָגראַפֿיעס, העפֿטן פֿון תּלמידים און לערערס. פּראָטאָקאָלן פֿון פֿאַרוואַלטונג־זיצונגען. אינפֿאָרמאַציע וועגן דער פֿילאָסאָפֿיע און די פּעדאַגאָגישע צוגאַנגען פֿון די באַזונדערע שול־סיסטעמען און זייערע אינדיווידועלע שולן. אאַז"וו. די ראָזיקע מאַטעריאַלן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקן רעזורס פֿאַר פֿאָרשערס און געלערנטע פֿון צוויי־שפּראַכיקער דערציונג, שפּראַכיקייט־און־קולטור, שפּראַכיקייט־און־געזעלשאַפֿט, עטנישקייט און מינאָריטעטן־אידענטיטעטן, אאַז"וו. מיט דער הילף פֿון אָפּגעקליבענע דאָקומענטן, קען מען, פֿון אַ היסטאָרישן פּערספּעקטיוו, פֿאָרשן די קאָנטראָווערסיאַלסטע הײַנטצײַטיקע טעמעס, ווי למשל צווייִשפּראַכיקע דערציונג, מולטיקולטוריזם און אימיגראַציע־פּאָליטיק. לערערס פֿון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור אין שולן און אוניווערסיטעטן קענען געפֿינען אַן אוצר פֿון לערן־מאַטעריאַלן וואָס קענען זיי צו נוץ קומען אין זייערע קלאַסן בײַם הײַנטיקן טאָג.

די זאַמלונג ווערט אָנגעפֿירט פֿון דער "אָפּטיילם פֿון ספּעציעלע זאַמלונגען", מיט דער הילף פֿון די ספּעציעלע קאָנסולטאַנטן, געלע שווייד פֿישמאַן און מירל קראָו־לוקאַל. מען דאַרף שיקן אַלע מאַטעריאַלן צו

Margaret J. Kimball, Special Collections
Stanford University Libraries
Stanford, CA 94305-6004

פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע קען מען אָנקלינגען צו

Margaret J. Kimball (415) 725-1161
אָדער
Sara Timby (415) 723-2952

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ
מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן
אין אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון
אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די
ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

אָדער טעלעפאָנירט (310) 552-2007


## יידיש זומער־קורסן אין אָקספאָרד און אין פּאַריז

דער יידיש זומער־קורס ביים אינסטיטוט פאַר יידיש־שטודיעס אין אָקספאָרד, ענגלאַנד, קומט פאָר הייַנטיקס יאָר פון 14־טן יולי ביז דעם 8־טן אויגוסט. סטודענטן האָבן אַן אויסוואַל פון 26 פאַרשידענע קלאַסן, וואָס נעמען אַרום יידיש שרייבן, לייענען און ריידן, ליטעראַטור. געשיכטע, וואַרשטאַטן פאַר מוזיקערס און זינגערס, פאַרוויילונג אד״גל.

די לעקטאָרן זענען באַוווסטע פּראָפעסאָרן און קינסטלער פון לאָנדאָן, ירושלים, ניו־יאָרק, פּאַריז און אַמסטערדאַם.

אינפאָרמאַציעס:

Oxford Institute for Yiddish Studies,

Golden Cross Court, 4, Cornmarket, Oxford OX1 3EX, England

דער זומער־קורס אין פּאַריז, אָרגאַניזירט דורך דער "געזעלשאַפט פאַרן יידיש־לימוד" (געפּי״ל) און דער מעדעם־ביבליאָטעק קומט פאָר פון 7־טן ביז דעם 25־טן יולי. עס וועלן זיין רעפעראַטן און וואַרשטאַטן אויף יידיש און פראַנצויזיש וועגן שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער, געזאַנג און שרייבן. אָנפירער פונעם קורס איז פּראָפ. יצחק ניבאָרסקי.

אינפאָרמאַציעס:

AEDCY-Université d'été
B.P.3256
75122 Paris Cedex 03, France